שב"ק פרשת
**תצוה - זכור**
אדר תש"פ

זמנים

הדלקת הנרות
**5:39**
סו"ז קריאת שמע
**8:38**
זמן מוצש"ק
**7:07**

# בלומינגראוו שטימע
# BLOOMING GROVE VOICE

די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' **תצוה** תש"פ
Vol. **10-A**

United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

ונהפוך הוא, אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם:

## אידישע באַפעלקערונג אין בלומינגראָוו מאָביליזירט זיך צו היסטאָרישע רעצידירנדע וואַלן צו ראַטעווען בעז"ה צוקונפט פון אונזער שטאָט

2

אין די אָנגייענדע עסקנות-אונטערנעמונג פון דער "יו.דזשעי.סי." אויפ'ן פראָנט לטובת הציבור:

## באַנייטע העפטיגע באַמיאונגען צוריקצוברענגען אין דינסט די אזוי-נויטיגע "בלומינגראָוו שאָטעל"

9

אָנצוהאַלטן נאָענטע פאַרבינדונג

## איינדרוקספולע צערעמאָניע אין בלומינגראוו פּאָליצײ-הויפּטקוואַרטיר ווען י.דזשעי.ס. פאָרשטייער פּרעזענטירן פּאַסיגע געשאַנק פון אידישע געמיינדע

7

נִקְהֲלוּ הַיְּהוּדִים בְּעָרֵיהֶם:

## ריזן ציבור תושבי בלומינגראָוו וועלן דעם מוצש"ק דעמאָנסטרירן האַרציגע שטיצע פאַר פרעכטיגע תל תלפיות ביהמ"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר

5

דאס ווארט פון אונזערע געטרייע פאַרטרעטער

אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראָוו איינוואוינער, בכל עת מצוא

שמועס מיט האי איש כשרון וכביר המעש, ידיד נפש כל חי איש חי ורב פעלים
הרה"ח ר' **יצחק עקשטיין** הי"ו
אקטיווער און געטרייער 'באורד טשערמאן' אין שפיץ פון "יו.דזשעי. סי."

18

## די בלומינגראוו שאטעל



שמועס מיטן באליבטן אייגנטומער און דרייווער
מוה"ר **יואל אבערלענדער** הי"ו

14

פון הינטער די קוליסן פון די "שטימע" רעדאקציע



פון א שמועס מיט האי איש הכשרון והמעש
הרה"ח ר' **חיים גליק** הי"ו
אקטיווער און געטרייער 'באורד מעמבער און שטימע רעדאקציע מיטגליד

28

אינהאלטסרייכע זכרונות, אויפדעקונגען,

## אינטערוויו

שמועס מיט האי איש הכשרון והמעש בנש"ק
מוה"ר **משה האלפערן** הי"ו
אקטיווער און געטרייער 'באורד מעמבער' פון "יו.דזשעי. סי."

22

בס"ד

אין די סעריע פון:

הייזעריגע שטימע
BLOOMING GROVE VOICE

פ' **תצוה** תש"פ
Vol. **10-A**

די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

32

**שמחת פורים ושמחת תמיד פאר אלע תושבי העיר און פאר אונזערע חשוב'ע לייענער**

ונהפוך הוא, אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם:

# אידישע באַפעלקערונג אין בלומינגראָוו מאָביליזירט זיך צו היסטאָרישע רעצידירנדע וואַלן צו ראַטעווען צוקונפט פון דער שטאָט

## נאָכ׳ן אויסשטיין נאָכאַנאַנדע קריוודעס און אומ׳יושר׳דיגע סעקירונגען פון אַמטירנדע ווילעדזש-אדמיניסטראציע, ווען הונדערטער בלומינגראווער משפחות אַרויסברענגען "יעדע איינציגסטע שטימע" צו פאַרזיכערן אַ רואיגן עתיד בעז"ה

בלומינגראָוו, ניו יאָרק. – א קאָכעדיגער פיבער טוט אין די יעצטיג טעג איינהילן די הונדערטער אידישע איינוואוינער פון דער שטאָט בלומינגראָוו אין אַפסטעיט ניו יאָרק, זיך גרייטנדיג צו אויסנאַמליכע קריטישע וואלן, וועלכע וועלן דעצידירן די פירערשאַפט פונעם "ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו" אויף די קומענדיגע יאָרן און וועט אנטשיידן דעם ווייטערדיגן צוקונפט פון דער שטאט, צי ס׳וועט פאַרבלייבן א פלאץ וואו היימישע משפחות קענען לעבן אין פרידן און רואיגקייט, וואוקס און שטאנדהאַפטיגקייט, בעז"ה.

דאס איז נישט בלויז "נאָך א וואלן פארמעסט", ווי ס׳איז דער שטייגער אין יעדער געגענט יעדע עטליכע יאָר, וואָס פאַרמאָגט אימער אַ שטאַרקע וויכטיגקייט און ערנסטע עסקני הכלל וועלן אַלץ רופן דעם ציבור צו פראַקטיצירן אונזערע לעגאַלע רעכטן ביי די שטים-בודקעס. דאָ אין דעם פאַל פון בלומינגראָוו איז עס עפעס אויסנאַם, אויסטערליש, אויסערגעווענליך און איינמאָליג, צוליב וואָס דער גאַנצער דרך הטבע׳דיגער עתיד פון אידישן בלומינגראָוו איז אין דעם אָנגעוואָנדן!

## די "ערשטע געלעגנהייט" און פיליכט די "לעצטע געלעגנהייט"!

דאָס איז די סאמע "ערשטע מאל" זינט בלומינגראוו האט אנגעהויבן ווערן אַ היים צו היימישע פאַמיליעס, וואס די אידישע באפעלקערונג האט געקריגן די ציפערן און די מעגליכקייט צו קענען "האָבן אַ וואָרט" ביי די וואַלן און אַריינשטימען פאַרטרעטער וואס וועלן בעז"ה רעפרעזענטירן די שטאָט מיט יושר און צדק.

גלייכצייטיג איז דאָס אויך לויט אַלע וואַרשיינליכקייטן "די לעצטע געלעגנהייט", צו קענען זיך שטעלן אויף די פיס און פאַרזיכערן אַן עתיד, זינט די איצטיגע פיינטליך-געשטימטע ווילעדזש האט אין דער געהיימעניס אויסגעוועבט א פינסטערן פלאן אוועקצורויבן אינגאנצן דעם שטים-רעכט פון היימישע אידן, דורכ׳ן אויסציען די ווילעדזש גרעניצן אַזוי גרויס ווי די טאַון, אריינברענגענדיג אין איר טעריטאָריע פרישע 20,000 נישט-אידישע וויילער, וואס דערמיט וועט אויטאמאטיש אנולירט ווערן דער שטים-כח פון אחינו בני ישראל, אן קיין מעגליכקייט דאָס צוריק אויפצובויען ביז צענדליגער יאָרן פון יעצט, ה"י!

הערשט אלזא אין בלומינגראוו א הייסער געפיל פון "אם החרש תחרישי לעת כזאת", אַז אויב וועט מען יעצט חלילה, אין די קריטישע מאמענטן, פארבלייבן מיט פארלייגטע הענט, איז מען אויסן חלילה אלעס אלעס וואס מ׳האט זיך געמוטשעט אויפצובויען אין די לעצטערע יאָרן צו דערלייגן, ה"י!

און אויף דעם איז מען נישט גרייט. בשום

פנים ואופן. צופיל געלט, צופיל כוחות, צופיל בלוט, איז שוין אריין אין בלומינגראוו, צו בויען אידישע הייזער און אידישע קהלות, אַז מ'זאָל חלילה זיך אַליין לאָזן פאַרקלאַפּן דעם עתיד אויף זיך אָן קיין מעגליכקייט צו פונקציאָנירן און וואַקסן, ה"י.

"בלומינגראוו באחדות", איז אַצינד די שטורמישע שטימונג אין בלומינגראוו, ווען אלע קהלות, אלע איינוואוינער, האבן זיך פאראייניגט כאיש אחד ובלב אחד, אין אַ פאַראייניגטן טיקעט, אַרויסצוברענגען "יעדע איינציגסטע שטימע" וואס בלומינגראוו פארמאגט, און דערמיט זיך פאַרזיכערן אַז מ'קען דאָ פאַרבלייבן וואוינען, און דערציען קינדער, מיט רואיגקייט און צופרידנהייט, מנוחה ושלוה השקט ובטח, בעזרת ה'.

## אם החרש תחרישי בעת הזאת:

# בייזוויליגע פּלענער פון פיינטליכע ווילעדזש-אדמיניסטראציע צו אַנולירן היימישן וואַל-כח דורכ'ן אויסציען ווילעדזש'ס גרעניצן, שטעלט מעגליך פאָר "לעצטן שאַנס" צו קענען בלייבן יושר'דיג פּאַרטרעטן

## בלומינגראוו די וואונדערליכע אויסוואוקס פון שנעלסט-וואקסנד אידישע שטאט

"די שנעלסט וואקסנדע אידישע שטאט" ווערט בלומינגראוו באצייכענט אין דער אידישער וועלט, נאך וואס אן קיין שום צענטראַלע דעוועלאָפּמענט, אן קיין שום ציבור'ישע קערפערשאפט, אָן קיין קאָלירפולע רעקלאַמעס, איז צושטאנד געקומען ווי הינטער'ן ראַדאַר דער בליץ-שנעלער אויסוואוקס, אין ממש געציילטע יאָרן, פון אַ קוים-באַקאַנטע שטאָט וואו מ'האָט נישט געקענט געפינען א איד פאר א רפואה צו א הערליכע געגענט וואו לעבט און שפרודלעט מיט "פילע הונדערטער" אידישע משפחות בליעה"ר.

משפחה נאך משפחה האבן אויף דער אייגענער האַנט און איניציאַטיוו זיך גענומען די קוראזש צו קויפן א דירה, מיט בלויז איין ציל צו געניסן פון א רואיגע באשיידענע לעבנס-סטיל, אין גרויסע רחבות'דיגע הייזער מיט גראָז און ביימער אַרום, אין אַן אָפּענעם מאַרקעט פאַר צוגענגליכע פרייזן. אזוי ארום איז געווארן "פאראידישט" גאס נאך גאס. מט אידישע הייזער קומט אידישע געברויכן, און ס'האָבן זיך ווירקליך אָנגעהויבן פאָרמירן בתי מדרשים, קהלות, מקוואות, אא"וו.

היינט צו טאגס איז בלומינגראוו אַ פרעכטיגע אידישע שטאט, רואיג, געשמאַק, באַ'טעמ'ט און באַ'חנ'ט. שטענדיג און אַלעמאָל זעט מען די גאַסן אָנגעפולט מיט לעכטיגע אידישע קינדערלעך וואָס פאַרברענגען, קהלות הקודש וואָס שפּרודלען. ס'איז באמת א נחת דאָס מיטצוהאַלטן און געוויס דאָס מיטצולעבן.

## ביקש יעקב לישב בשלוה, קפץ עליהם רוגזה של "סאוט בלומינגראוו ווילעדזש"

אבער טראָץ די וואונדערליכע פּאָזיטיווע טראנספארמאציע און דער צוקום פון אַזויפיל הונדערטער אידישע משפחות, וואָס באַדייט טויזנטער נפשות בליעה"ר, און נאַטירליך וואלט געווען אז די לאקאלע רעגירונג זאל סערווירן דעם באַדייטנדן טייל – אויב נישט דער רוב – פון די באַפעלקערונג, מיט יושר און צדק, אלס געטרייע און ארנטליכע שטייערצאָלער, וועלכע ברענגען נישט קיין שום קאפּוויי, קיין געוואלדטאַטן, נאר הייבן די עקאנאמיע און אנזען פון דער געגענט, האָט אבער ליידער פאסירט פונקט דאס פאַרקערט.

די 'הלכה בידוע' פון 'עשיו שונא ליעקב' האָט דאָ באַקומען אַ גענצליך-נייעם פשט, ווען די עקזיסטירנדע ווילעדזש פארשטייער האָבן זיך איינפאך אנטזאגט פון אנערקענען דעם מציאות פון אידן אין בלומינגראָוו! ניין, דאָס איז נישט ממש ריכטיג. זיי האָבן שוין איינמאל אנערקענט! ווייל זיי האָבן זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט'ן נישט מיטשטיין, נישט בלויז מיט'ן איגנאָרירן, נישט בלויז האָבן זיי פאַרקלאַפּט זייערע טירן און פאַרשטאָפּט זייערע אויערן צו די בקשות און פארלאנגען פון אידישע איינוואוינער, נאר במזיד ובזדון האָבן זיך גענומען רודפ'ן און סעקירן די פרידליכע אידישע איינוואוינער, מיט'ן ציל זיי ענג-צו-מאַכן און דערביטערן דאָס לעבן!

ס'שוועך אין די ראמען פון א קורצן ארטיקל אלעס צו שילדערן, די מיטמאכעניש און פּלאָגעניש פון חדשים און יאָרן, אָבער בלויז אנצוכאַפּן געציילטע עקזעמפּלאַרן פון די רדיפות וואָס דער ציבור איז אויסגעשטאַנען:

די שענדליכע בליץ-קריג קעגן די 'בלומינגראוו שאָטעל' וואָס פלעגט טעגליך פירן אידישע מאמעס צו און פון קרית יואל צו קענען איינקויפן די לעבנסוויכטיגע טעגליכע געברויכן, ווען דער ווילעדזש האָט גענומען דעם געטרייען אייגנטומער אין געריכט און ליידער באַוויזן עס אָפּצושטעלן קאָמפּלעט מיט לעכערליכע אויסריידן צום ווייטאג פון אלע איינוואוינער; דאָס שטראנדן די 'אויפבוי פון אידישע בתי מדרשים' וואָס איז אַזוי לעבנסוויכטיג; דאָס נישט דערלויבן צו 'בויען מחיצות' פאר סווימינג פולס, און פאַרפאָלגן די וואָס וואגן זיך יאָ צו בויען אין זייער אייגענעם בעקיאַרד פאַר זייער פריוואַטקייט אַ צוים מיט שווערע ווייאָלעישאָנס און געלט-שטראָפן; דאָס 'הייבן שטייערן' באשיינפערליך אויף אידישע הייזער, דראמאטיש העכער ווי די ארומיגע נישט-אידישע הייזער; די כסדר'דיגע טיקעט-בליצן קעגן פּאַרקינג ביי בתי מדרשים; דאָס צוריקווייזן ביטעס פאַר עקסטענשאָנס צו אידישע הייזער, און אַזוי ווייטער אָן אַ שיעור פאַרפאָלגונגען אויף יעדן טריט און שריט, בעת דאס ארגסטע פון אלעם איז דאָס הערמעטיש פאַרהאַקן די טירן פון ווילעדזש-האָל, און נישט צולאָזן קיין שום דיאַלאָג!

די אַלע פארפאלגונגען האָבן שוין גורם געווען דירעקטע היזקות פון שווערע הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן און גורם געווען אומאָפּשאַצבארע שאָדנס, עגמת נפש און פיזור הנפש פאר די אידישע איינוואוינער. און דאס אלעס איז אין צוגאַב צו דעם וואס אפילו טעכניש גערעדט – נישט דייקא פונעם אידישן קוק-ווינקל – פירן זיי א שלאַבעריש ווירטשאַפט, נאכגעלאזט, מיט צעלעכערטע שטראָזן, אומקאָמפּעטענטע פּאַבליק וואָרקס אא"וו.

יעדער איבריגער דאָלער וואס קומט אריין אין שטייערן אא"וו ווערט תיכף פארשוונדעט און אויסגעשעפּט פאר די זינלאָזע שטרייטן און קראַנקהאַפטע קאמפן קעגן די אידישע איינוואוינער. א שטייגער ווי דער קאַמף מיט'ן שאָטעל וואס האט אפּגעקאסט א האלבן

מיליאן דאלער די שטייערצאָלער, בעת די שטראָזן אויף וואס מ'פּאַרט זענען געלעכערט און צעהאַקט, און דאס וואסער וואס מ'דאַרף אנגעבליך טרונקען איז ברוין אן ראָסטיג צוליב וואס די וואסער אינפראסטרוקטור איז אַ טאָטאַלער דיזעסטער און מ'טוט נישט דאָס מינדעסטע צו רעסטאווירן.

דאָס האָט צוגעברענגט דערצו, אַז אפילו די נישט-אידישע איינוואוינער זענען שוין פרוסטרירט פון די ווירטשאַפט!

וויפיל מ'האט נאר פרובירט זיך אוועקצוזעצן, ווי די אידישע מידה בדרכי השלום, זענען די עסקנים אלץ הארטנעקיג צוריקגעוויזן געוואָרן, אָן קיין פארוואס, אָן קיין פארוען, נאָר בלויז עקשנות לשם עקשנות, לשם ריין אַנטיסעמיטיזם, נישט צו פארהאנדלען און נישט נאכגעבן אפילו א האר, און אַז ס'זאָלן די אידישע איינוואוינער נישט טרעפן קיין מנוחה און רואיגקייט דאָ אין שטאָט.

## בלומינגראוו באחדות — די היסטארישע פאראייניגונג פאַר'ן עתיד!

נאכ'ן זיך ארומזען זייער קלאָר און באַשיינפערליך אַז מיט אזא סיטואציע, בלאָקירט און פאַרהאַקט פון בויען בתי מדרשים און מיט א פיינטליכע אדמיניסטראציע אין ווילעדזש-האָל, איז ח"ו נישטאָ קיין עתיד, האבן די עסקנים, אויף דער גוטסהייסונג פון אַלע רבנים אין שטאָט, געגרינדעט די "יו. זשעי.סי." – פאראייניגטע אידישע קהלות פון בלומינגראוו – וואס האט צוזאמגענומען אלע איינוואוינער מיט ערווייילטע רעפרעזאנטאטן פון אַלע קהלות, און אנגעהויבן אויפטון גדולות ונצורות, אונטער איין צענטראַלע פאַרטרעטערשאַפט.

אדאנק אָט דעם מוסטערהאַפטיגן "אחדות" האט מען ב"ה באוויזן – אויפ'ן ראט, הוראה והדרכה פון די גדולי הרבנים שליט"א די מנהיגי העדה פון אַלע גרעסערע קהלות אין שטאָט – באוויזן צונויפצושטעלן אייגענע ליסטעס פון געטרייע אינדארסירטע קאנדידאטן וואָס זאָלן לויפן קעגן די אמטירנדע ווילעדזש-פירער. און אגב, אויף די אַמטירנדע באַאמטע שפּיגלט זיך אָפּ אין די יעצטיגע טעג אַ לעבעדיגער ביישפּיל פון דעם "רשעים אפילו על פתחה של גיהנום", ווען אפילו שטייענדיג פאר אזא קריטישן וואל-פארמעסט, וואָס באדראָעט זייער פּאָליטישע קאַריערע, ווילן זיי נאכאלץ נישט בשום פנים ואופן נאכגעבן אפילו א מילימיטער פאר די אידישע איינוואוינער.

דאָס צונויפשטעלן די טיקעטס פון די היימישע קהלות איז צושטאַנדגעקומען נאכ'ן אינוועסטירן אַסאַך אַסאַך מחשבה, קאָפּ און מח, נאָכ'ן זיך באַראָטן מיט לאַנגיאָריגע עסקנים און לעגאַלע עקספּערטן, אַז ס'זאָל זיין די בעסטע וואס נאר שייך, גאר געניאל אויסגערעכנט פאַר די הצלחה פון דער שטאָט, ווען גלייכצייטיג איז ארויסגעשטעלט געוואָרן א קלארע "וויזיע" וואס מ'פּלאַנט אויפצוטון, ארייינצוברענגען א פריש גאלדענע עפּאכע פון וואוקס און שטאנדהאפטיגקייט לטובת די איינוואוינער בעז"ה.

## מיט בלויז 1 וואָך פאַרבליבן — אַן "אחדות! וואָס באַגייסטערט אַלעמען!

מ'שטייט שוין אַצינד בלויז איין קנאַפּע וואָך אָפּגעטיילט פון דעם קומענדיגן מיטוואך נאָך פּורים, דער היסטאָריש-קריטישער עלעקשאָן-טאָג, און מיט יעדן טאָג וואַקסט די שפּאַנונג פונעם וואַל-קאַמפּיין. די פּראָגאַנגענע וואך איז פאַרעפנטליכט געווארן א ליסטע פון נאָענט צו זיבעציג עסקנים, פון אלע קהלות, וועלכע וועלן זיין די "וואַל עסקנים" אַרויסצוברענגען יעדע איינציגסטע שטימע פון תושבי בלומינגראַוו צו די שטים-בודקעס פאַר'ן אייגענעם עתיד.

עס שטייט די גאַנצע אידישע וועלט און קוקט זיך צו מיט התפעלות, באַגייסטערונג און איבערראַשונג, וויאזוי אין בלומינגראוו ארבעטן אלע קהלות האנט ביי האנט, אקסל צו אקסל, ווי גוטע ברידער. מ'לייגט אלע חשבונות און אלע דיפערענצן אין א זייט, כדי צו ארבעטן אינאיינעם פאַר'ן תכלית ותועלת פון די "גאנצע שטאט" און "אלע קהלות", וואס דארף באמת זיין א מוסטער פאר אומעטום. ס'איז "אָט די אחדות" וואָס וועט האָפענטליך ברענגען דעם היסטאָרישן זיג פאַר בלומינגראָוו בעז"ה.

## אַ רעפערענדום פאַר'ן עתיד — ווער קען דען בלייבן אינדערהיים?!

יעדער פאַרשטייט, יעדער אנערקענט, אַז די יעצטיגע וואלן זענען אַ רעפערענדום!

אויב קען מען דאָ בלייבן וואוינען רואיג מיט הרחבת הדעת צי נישט; אויב קען מען דאָ האָבן בתי מדרשים און מקוואות צי נישט! אויב וועט מען דאָ ווייטער איגנאָרירט און גע'רודפ'ט ווערן צי נישט! אויב וועלן מיר קענען אויסברייטערן אונזערע הייזער ווען נויטיג, צי נישט!

איין זאַך איז קלאָר ווי דער טאָג:

אויב פארנאכלעסיגט מען עס יעצט, אויב ברענגט מען אריין "איין שטימע ווייניגער" פון וויפיל שטים-באַרעכטיגטע מיר האָבן, אויב איז דא איינער אפילו וואס בלייבט אינדערהיים, קען מען חלילה אויסשטעלן הונדערטער און טויזנטער נפשות צו ליידן צער און עגמת נפש טאָג-טעגליך, גורם זיין שרעקליכע היזקות פאַר ממון ישראל, און פארמיידן צענדליגער קהלות ובתי מדרשים פון קענען אויפגעשטעלט ווערן, מיליאָנען שעות תורה ותפלה ועבודת השי"ת צוגרינד לייגן, פאר די קומענדיגע צענדיגער יארן, ה' ישמרנו!

ס'איז אַ היסטאָרישער אחריות, אַ היסטארישער חובת השעה! אן אחריות אויף יעדן איד, אויף יעדן שטים-באַרעכטיגטן חלילה נישט צו פאַרנאַכלעסיגן דעם התחייבות למעננו ולמען עירנו! קיינער 'קען נישט' בלייבן אינדערהיים! קיינער 'וועט נישט' בלייבן אינדערהיים! ווייל אם אין אני לי מי לי!

די אידישע בלומינגראוו מוז זיגן בעז"ה, און דאָס וועט צושטאַנדקומען נאָר מיט'ן כח האחדות בעז"ה.

צענדליגער טויזנטער אידן פון איבעראל, וועלכע קוקן ארויס אויף בלומינגראוו'ס עתיד און הצלחה, פאָלגן נאָך דעם קאמפּיין מיט אָפענע אויגן, פול מיט האָפענונג, און רופן אויס מיט'ן גאַנצן הארץ "אחותינו את היי לאלפי רבבה"! יעדער וואונטשט בלומינגראָווער אידן און משפחות, אַז זיי זאלן בעז"ה מצליח זיין אַרויסצוברענגען זייער מאַקסימום כח, אן באַגלייט ווערן מיט סייעתא דשמיא, צו דערפאָלגרייך זיגן אין די בעפאָרשטיינדע וואַלן, און ס'איז צום האפן אז אין דעם חודש וואס איז נהפך להם מאבל ליום טוב וועט אי"ה די אידישע בלומינגראָוו אויפגעראַכטן ווערן, וליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר.

**נקהלו היהודים בעריהם — בלומינגראָוו באחדות, פאַר איר אייגענעם עתיד!**

# מיטוואך ויק"פ - פאר א בעסערע בלומינגראוו

נִקְהֲלוּ הַיְּהוּדִים בְּעָרֵיהֶם:

# ריזן ציבור תושבי בלומינגראָוו וועלן דעם מוצש"ק דעמאָנסטרירן האַרציגע שטיצע פאַר פּרעכטיגע תל תלפיות ביהמ"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר

## ביי גראַנדיעזער מסיבת מלוה מלכה "ושכנתי" לחזק בדקי הבית הגדול והקדוש שמגדלין בו תורה ותפלה

הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר: סאַטמאַרער ביהמ"ד אויסגעשטיגן אַלס אַ לעבטיג ווינקל, מגדל אור ואבן שואבת וואָס פארשפרייט אַ הערליכע ליכטיגקייט פון די ג' עמודי העולם איבער דער גאַנצער שטאָט, מיט וויטגרייכנדע פלענער להרחיב גבולי הקדושה ביתר שאת ועוז, ווען די אומשטענדן וועלן ערלויבן בעז"ה האָפענטליך אינגיכן

וְעָשֹׂה אֹתוֹ מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה: גאָר רייכער פּראָגראַם, אונטער פרייליכע מונטערע שטימונג, שטייענדיג מוצש"ק זכור, אַנטשפּרעכט לעבטיגע פרייליכע שעה'ן של תענוג וקורת רוח פאר אלע תושבי העיר

### וועלט בארימטע בריליאנטענער רעדנער הרב אלעזר יונה זילבערמאן שליט"א וועט האלטן געשפאנט דעם ציבור מיט אינהאלטסרייכע דרשה

# תיקון

אין אונזער אויסגאַבע פון פאָריגע וואָך איז ערשינען אַ באַריכט איבער די "קוואַליטי באָסעס", וואו צווישן אַנדערן זענען ערשינען עטליכע שורות וואָס האָבן זיך געקענט אָפּטייטשן ווי טענות אויף די היימישע אחריות'דיגע דרייווערס וועלכע זענען איינגעשטעלט ביי קוואַליטי.

דאָס איז געוויס נישט געווען אונזער כוונה, און מיר טוען זיך דערויף אַנטשולדיגן. אַלע חשוב'ע עלטערן טוען אַנערקענען די געטרייע פאַראַנטוואָרטליכע דרייווערס, און מיר טוען זיי וואונטשן הצלחה אויף ווייטער.

אין דער צוקונפט וועלן מיר אי"ה מער אָבאַכט געבן, אָפּצוהיטן פון אַזעלכע אָדער ענליכע טעותים.

מיט פאַרשטענדעניש, די רעדאַקציע

## יעדע שטימע ציילט

אקורצע שטיקל נייעס, וואס האט געכאפט מיינע אויגן. נאך א גרינטלעכע איבערציילונג, האט פיט בוטעזשעזשט (נישט זיכער...אויב ס'איז גוט אויסגעלייגט זיין נאמען) געוואונען די אייווע קאקוס וואלן, מיט א הונדערטל פון א פארצענט. מסביר צו זיין ווי וויינוג דאס איז, לויט וויפיל מענטשן זענען ארויסגעקומען שטימען, איז דאס בערך איינס און א האלב מענטש.

וואס איז אזוי אינטערסאנט פון די דאזיגע שטיקעל נייעס? ווייל דאס ווייזט, ווי וויכטיג איז א יעדער מענטש זאל ארויסגיין שטימען. א וואל פארמעסט קען צומאל זיין, זייער נאנט, און "יעדע איינציגסטע שטימע ציילט" דאס איז נישט א לאזונג, וואס עסקנים זיכן צו פארקויפן, עס איז א טרוקענע פאַקט.

און עס איז נישט דאס ערשטע מאל איז די היסטאריע. וואס א וואל פארמעסט אויסגאנג, זאל זיך ענדיגען, מיט איינצעלע שטימעס, וואס טוט געבן די איבערהאנט פארן געווינער. עס איז שוין געשען עטליכע מאל אין די געשיכטע, אז א קאנדידאט האט געוואונען מיט "סינגעל דיזשעט" נומערן. דאס איז זייער פשוט, ווער עס האט רוב געוואונט, איין שטימע מער, איז אויך רוב.

## די שטארקע כח פון וואלן

מיר דארפן פארשטיין אז א גרויס חלק, פון די אמעריקאנע אידילאגיע, איז געבויעט אויף וואלן. דאס ווייזט אויף פרייהייט און דעמאקראטיע. וואס דאס איז דאך ווי באקאנט, די פאן און סימאל, פון אונזער טריפענע אמעריקא. זייענדיג אמאל אויף א באזוך אין עיר הבירה וואשינגטאן. בין איך אריין אויבן צו די גאלערי, מיטצוהאלטן פון דער נאנט די סענאט און קאנגרעס סעציעס.

האב איך באמערקט, אז די גאנצע אדמאספער דארט, איז איבער "די וויילער" ווען א סענעטאר אדער קאנגרסמאן, שטעלט זיך אויף רעדן, צו פארשלאגן אדער אפווארפן א געזעץ. וועט ער ווי מער, דערמאנען אין זיין רעדע, "די וויילער" אדער אין זייער שפראך, די מענטשן וואס האבן אונז געשיקט דא אהער.

דא איז א שטארקע און פעסטע יסוד, אין די אמעריקאנע רעגירונג סיסטעם. אז יעדער לעגאלע בירגער האט די רעכט, און קען האבן א דעה אין די שטאט, דורך אריין וועלן זיין קאנדידאט. זיי האבן דאס אוועק געשטעלט ספעציעל אזוי, אז עס זאל הייסן "די רעגירונג פון די פשוטע מענטשן". דער פאליטיקאנט איז נאר דארט אנגעקומען א דאנק די וויילער, און ער גיבט זייער אכטונג צו פארטרעטן זיינע מענשטן, וואס האבן די כח אים צו פארשיקן אויב עס פעלט אוים.

די טאָן ביי פאליטיקאנטן און שטאט טאטעס איז אייביג, איבער די וויילער און זיי פארטרעטן זייערע רעכטן. וואס מיר טוען, איז עפעס וואס די וויילער וויל? אדער נישט? א באמטער וועט נישט שטיצן א געוויסע געזעץ, וואס איז נישט פאפולער ביי זיינע וויילער. ווייל ער ווייסט אז דאס קען אים מאכן שוועריקייטן, אדער גאר קאסטן די ווידערוויילונג.

נישט נאר איז דאס א חלק פון די אמעריקאנע קאנסטיטאציע, נאר דאס איז זייער פארהייליגט ביי די אמעריקער בירגער. און זיי היטן דאס זייער פארזיכטיג אפ, פרוברין זאל זיך איינער צו פארטשעפענען מיט די וואל סיטעם, אדער ח"ו פעלטשן שטימעס. דאס איז גאר א הארבע זאך.

## א בלאַק וואָט

א"בלאַק וואָט" מיינט, א פאראייניגטע גרופע פון מענטשן, וואס צוזאמען וועלן זיי פאר דעם זעלבען קאנדידאט. בדרך כלל [אזוי ווי אין אונזער פאל] איז דאס ווען די גאנצע חבורה וויילער, וואס האבן א געוויסע מאטיוו. זיי האבן אן אגענדא, פארוואס זיי שטימען פאר דעם דאזיגען קאנדיטאט. און דאס איז א שטארקע כח, מיט וואס פאליטיקאנטן רעכענען זיך. ווייל אנשטאט צו ארום לויפן פון טיר צו טיר, בעטן מ'זאל וועלן פאר אים. אפעלירט ער צו די גאנצע קבוצה אויף איינמאל. און בלויז דורך דעם אליין קען אים געלונגען צו געוואונען די וואלן.

מען דארף אויך פארשטיין אז עס איז פארהאנען א גרויסע חילוק, צווישן וואלן פאר פרעזידענט אדער אפילו פאר גאווענער. און לאקאלע וואלן. ווייל דארט רעדט מען פון מיליאנען אדער אין די פרעזידענטליכע עלעיקשינס צענדליגע מליאנען מענשטן. וואס קומען ארוים שטימען. ווידער ביי לאקעלע וואלן, איז די רעדע פון עטליכע טויזענט אדער גאר עטליכע הונדערט.

ממילא, אין קליינע טאונס און ווילעיזשס. האט א בלאַק וואָט א שטארקע כח, און זייער אסאך מאל מאכט דאס אוים אין די אויסגאנג פון די וואלן. ווען איינע פון די קאנדיטאטן שטעלט זיך צו די גרופע, ער זאגט זיי צו אז אויב ער גייט געווינען וועט ער דינען זייער אינטערעסן. אזוי קומען זיי אלע ארוים וועלן פאר אים.

עס איז דא נאך א נקודה פון א בלאַק וואָט, ווייל נישט יעדער איינוואוינער פון שטאט קומט ארויס וועלן. אסאך מענשטן בלייבן אינדערהיים, צומאל קומען בלויז ארויס גאר א קליינע פארצענט פון שטאט. אנדערשט איז אבער מיט בלאַק וואָט. וואס דאס פארזיכערט אז יעדער וואס געהערט צו די גרופע, וועט ארויסקומען.

## כל ישראל ערבים זה לזה

אויב אין די אלגעמיינע וועלט, איז וויכטיג און קריטיש. די סטעיטמנט פון "יעדע שטימע ציילט" און וואלן איז א צייט, וואס יעדער בירגער קען אויסדריקן זיין שטימע און לאזן הערן זיין דעה. איז דאס פאר אונז אידן, א חוב און אחריות ארויסצוקומען און אפגעבן אונזער שטימע, ווייל עס ליגט אן אחריות אויף יעדן תושב, פאר די הצלחה פון אונזער באליבטע שטאט.

מיר שטייען אצינד ביי א שטאנטפונקט, די איצטיגע וואלן וועט ענשיידן אויב בלומיגראוו, וועט זיין א פולקאמע אידישע ישוב, מיט אלע צוגעהערן אדער נישט? וועלן מיר קענען דא וואוינען רואיג, און האבן אלע גשמיותדיגע און רוחניתדיגע באדערפענישן אדער נישט?

אלזא, קיינער טאר דאס נישט נעמען פאר גרינג, און מיר קענען זיך נישט אפטיילן פון די אידישע געמיינדע, יעדער יחיד איז א חלק, פון די גרויסע אידישע קהלה. און מיר דארפן ארבעטן צוזאמען פאר די זעלבע ציל און תכלית. אויב איינער פון די איינוואוינער בלייבט אינדערהיים קען דאס ח"ו שאטן פאר די גאנצע שטאט.

ווי די עסקנים גיבן איבער, איז דער עולם טאקע זייער ווארעם, צו די באפערשטייענדיגע וואלן ב"ה. יעדער פארשטייט און זעהט וואספארא כחות, די עסקנים און באורד מעמבערם לייגן אריין. תושבי בלומיגראוו זענען פארזיכעט אז בעזרת השם יתברך, וועט מען אריין וועלן קאנדיטאטן וואס פארטרעטן אונזער רעכן. ובש השם נעשה ונצליח

אָנצוהאַלטן נאָענטע פאַרבינדונג

# איינדרוקספולע צערעמאָניע אין בלומינגראוו פּאָליצײ-הויפּטקוואַרטירן ווען י.זשעי.סי. פאָרשטייער פּרעזענטירן פּאַסיגע געשאַנק פון אידישע געמיינדע

**העכסט-סאָפיסטיקירטע טעכנאָלאָגישע סורוועילענס "דראָון" וואָס ווערט באַנוצט דורך פּאָליצײ-אַגענטורן הויפּטזעכליך ביי "סוירטש ענד רעסקיו" אַפּעראַציעס**

אַלס אויסדרוק פון דאַנק און אַנערקענונג פאַר די טאַונ'ס פּאָליצײ דעפּאַרטמענט פאַר זייער שטענדיגע מיטארבעט, סימפּאַטישקייט און קאאפּעראציע מיט די אידישע געמיינדע

קאָסטבאַרע געשאַנק, צונויפגעשטעלט דורך נדבות פון לאָקאַלע איינוואוינער, וועט זיין בייהילפיג און נוצבאַר לטובת די אייגענע באַפעלקערונג בעז"ה על כל צרה שלא תבוא

## פּאָליצײ-שעף, מר. אלעקס באַדאַנקט זיך האַרציג און פאַרשפּרעכט ווייטערדיגע נאָענטע צוזאמאַרבעט







לידודים היתה אורה

# אינטערווענץ דורך די י.זשעי.סי. צו שאַפן גרענטס פון די קאונטי און סטעיט רעגירונגען, צו אינסטאלירן גאַסן-לאָמפּן ביי די גרעסערע אינטערסעקשאנס אויף רט. 208

**פּלאַן לויטעט צו אינסטאלירן גרויסע על.אי.די. סטריט לייטס, ביי די גרויסע אינטערסעקשאנס ביי מאונטען, רעד בוירד, מעריוואלד, מעגגין, וואס איז קריטיש וויכטיג פאר דרייווער און פיסגייער**

## שטימע קאַסטן
### בריוו צו דער רעדאַקציע

מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

**אין דעם קאָלום וועלן אי"ה ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.**

**אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.**

שרייבט צו דער רעדאַקציע:
**BGVoice@UJCofBloomingGrove.org**

# דער פלאן לכתחילה אין קרית יואל איז געווען אריינצוּוועלן א היימישן טאון

לכבוד די 'שטימע'

כ'האב זייער הנאה וואך נאך וואך פון די אינהאלטסרייכע שטימע, וואס איז כשמו כן הוא דער שטימע פון בלומינגראוו.

אזוי שטייענדיג נאענט צו די עלעקשאנס אין בלומינגראוו, ווען דער היימישער ציבור טוט אזוי באחדות פארמירן פרישע כוחות צו מאכן א טויש אינעם ווילעזש אדמיניסטראציע סימפאטיש פאר די אידישע תושבים.

קען זיין אינטרעסאנט מיטצוטיילן מיט'ן ציבור וואס מיר האבן - פארגאנגעם שבת אינדערפרי אין ביהמ"ד סאטמאר אויף רינאוק - געהערט פון הרה"ג ר' דוד הכהן ראזענבערג שליט"א מח"ס שו"ת מנחת דוד, לאנג-יאריגע מנהל בית אופה ד'סאטמאר, ומחנות רב טוב, ביי די שמחת קידושא רבא פון א אייניקל בת הנולד צו זיין איידעם מוה"ר אלי' הכהן לאנדא הי"ו, , שמועסענדיג איבער די עלעקשאנס, האט הר"ר דוד איז שוין פון די תושבים פון קרית יואל  פערציג יאר, און געדענקט נאך די התייסדות, געזאגט צווישן אנדערע אז מ'האט געוויסט אז מ'וועט דארפן האבן א סימפאטישע רעגירונג, און לכתחילה האט נישט געוואלט קיין ווילעזש, נאר ענדערש געוואלט אז אידן זאלן איבערנעמען דעם טאון און אריינוועלן א היימישע טאון, און דאס איז געווען די פלאן אז מיט די יארן זאל מען קענען מסדר זיין נארמאלע זאונינג פאר אידישע געברויכן, און צו קענען געהעריג בויען הייזער, געשעפטן און בנינים פאר בתי מדרשים און בתי חינוך.

למעשה האבן די שכנים אזוי סעקירט אז ס'איז נישט געבליבן קיין ברירות (ווי שוין באריכטעט אין די שמועסן פון ר' חיים הערש ליימזידער אין די לעצטע וואכן) און דעריבער האט  מען געמוזט מאכן דעם ווילעזש, וואס מרן רביה"ק זי"ע האט מיטגעהאלטן על כל פרט ופרט.

ביי אונז אין בלומינגראוו האבן מיר יעצט די געלעגנהייט פאר דעם לכתחילה'דיגן וועג, צו אריינוועלן א היימישע סימפאטישע ווילעזש, זאל טאקע די באשעפער העלפן מ'זאל מצליח זיין ויתרומם קרן ישראל במהרה בחודש שמרבין בה בשמחה.

יישר כח פאר'ן דרוקן די שורות

* * *

# ווייטאג איבער פלעי-גרופס געווארן

שלום וברכה פאר די מערכת בלומינגראוו שטימע

לייענענדיג פאריגע וואך אין די שטימע איבער די בית המדרש אויף 13 דאלעס דרייוו, וואס האט ארויסגעברענגט אזא הארץ ווייטאג, האב איך געשפירט אז מיר זענען אין בחינה פון צרות האחרונות משכחות הראשונות.

כ'וואלט דעריבער געוואלט ארויסברענגען מיין ווייטאג איבער דעם אז דא אין בלומינגראוו האט די ווילעזש מיט א ציל פון רשעות פאר די אידישע תושבים און געטון וואס זיי קענען צוצושפארן א פלעי גרופ. זיי זענען נאכגעפארן די ווען'ס מיט די קליינע קינדערלעך אנזייענדיג שרעק ביי די מאמעס און טיטשערס

און עד היום טראץ וואס אין בלומינגראוו גייט נישט אן געהעריג די פלעי גרופס איז די טראנספארטאציע אויך פארבינדן מיט אסאך שוועריקייטן, אלעס צו פארדאנקן די פיינטליכע פירערשאפט צו די תושבים (ווען מ'רעכנט מיט קינדערלעך פון אונזערע משפחות, איז זיכער אז די אידישע קינדערלעך זענען זיכער א ריזיגע מערהייט פון נפשות פון די שטאט...) און דעריבער איז זייער טייער טראנספארטאציע צו פלעי גרופס זייער טייער.

מיר און אסאך אנדערע עלטערן וואס שיקן צו פלעי גרופס האפן אז מיט די טויש פון די נייע ווילעזש וועלן זיי העלפן מ'זאל לעגאל קענען מאכן דא א פלעי גרופ צום צופרידנהייט פון אלע עלטערן.

ובשם ה' נעשה ונצליח!

* * *

# מיסט-קאסטענעס ערווארטן אויך א טויש בעז"ה

לכבוד די 'שטימע'

פאריגע וואך ביי א שמועס פון הרב יואל וואגשאהל - אגב א דאנק פאר זיין שיינע אינטערוויו פאריגע וואך - האט מען גערעדט איבערדעם וואס די מיסט-קאסטענעס דערהייבן נישט געהעריג וואס עס דארף זיין פאר א ווירדשאפט פון א פארנומענע אידישע משפחה.

ר' יואל זייענדיג פון תושבי העיר שוין לאנגע יארן האט אונז געשילדערט אז דאס טוישן צו די נייע קאמפעני מיט בערך 2 יאר צוריק, איז געווען בכוונה תחילה צו ענג מאכן פאר גרויסע אידישע משפחות, מיט די קאמפעני וואס איז געווען דא בעפאר האט מען געקענט האבן מער קענס, און בכלל איז געווען די קענס גרעסער.

בקיצור אלעס קוקט ארויס אויף א טויש אפילו די מיסט. עס איז בהשגחה אז די וואלן געפאלט אין חודש אדר, און בעזהשי"ת וועט מען באחדות קענען דורכפירן דעם וויכטיגן טויש.

(-)

* * *





בילדער אריינגעקומען צו די רעדאקציע פון די מקוה אין 13 דאלאס, וואס איז ליידער געווען אפן בלויז עטליכע וואכן צום צער פון תושבי העיר

אין די אָנגייענדע עסקנות-אונטערנעמונג פון דער "יו.זשעי.סי." אויפ'ן פראָנט לטובת הציבור:

# באַנייטע העפטיגע באַמיאונגען צוריקצוברענגען אין דינסט די אַזוי-נויטיגע "בלומינגראָוו שאָטעל"

## נייער געניטער אַדוואָקאַט ברענגט פרישע גונסטיגע אויסזיכטן פאַר גערינגערן זיג בעז"ה

**הונדערטער בלומינגראָווער משפּחות קוקן אַרויס אַז די שאָטעל זאָל אָנהייבן צוריק צו קורסירן צווישן בלומינגראָוו און קרית יואל, צו דערלייכטערן טאָג-טעגליך מיט'ן איינקויפן, ערלעדיגן אא"וו**

בלומינגראָוו. – אין די יעצטיגע טעג איז צוריק אַריין אין קראַפט, מיט באַנייטע גונסטיגע אויסזיכטן, די באַמיאונגען צוריק אריינצוברענגען אין דינסט די "בלומינגראָוו שאָטעל" וואָס פלעגט צושטעלן באַקוועמע טעגליכע טראנספּארטאציע פאַר בלומינגראווער איינוואוינער קיין קרית יואל און צוריק, און זינט דאָס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דורך די לאָקאַלע רעגירונג פאַר לעכערליכע אויסריידן פּאַלט דאָס זייער שווער אויף אַלע משפּחות, און יעדער קוקט אַרויס דאָס זאָל צוריק אַקטיוויזירט ווערן.

מיט די אויפנאַמע פון אַ נייעם געניטן אדוואקאט, וועלכער ברענגט מיט זיך שטארקע ערפארונג און גאָלדענע רעזומעי פון סוקסעספול אויסקעמפן ענליכע קעיסעס, האָפט מען צום אויבערשטן אז מ'וועט אי"ה דערפאָלגרייך זיין צוריק אַריינצוברענגען אין דינסט די אַזוי-וויכטיגע טראַנספּאָרטאַציע מיטל, אויף וואָס די הונדערטער משפּחות אין אונזער שטאָט קוקן אַרויס און נויטיגן זיך דערין טאָג-טעגליך.

### דער שאָטעל און דער קאַמף

אַ היימישער טיכטיגער יונגערמאַן, ר' יואל אָבערלענדער הי"ו, האָט מיט דער אַנטוויקלונג פון בלומינגראָוו אַלס ווירבלדיגע אידישע שטאָט האַרט נעבן קרית יואל געזען אַ געלעגנהייט צוצושטעלן אַ "סערוויס" און דערפון מאַכן אַ פּרנסה און צין א חיונה, נעמליך, מיט'ן אהערשטעלן אַ "שאָטעל סערוויס" צווישן בלומינגראָוו און קרית יואל, אַז מ'זאָל קענען לייכט – און פאַר ביליג – פאָרן אַהין און צוריק.

אויב איז אַ שאָטעל אין יעדער געגענט אַ נויטיגע און באקוועמע סערוויס, איז עס דאָ אין אונזער פאַל פון בלומינגראָוו ממש קריטיש נויטיג, צוליב דעם פאַקט אַז דאָ לאָקאַל זענען ממש נישט פארהאן קיין היימישע געשעפטן דערוויַיל, און מ'דאַרף כסדר פאָרן די קורצע רייזע אַריין אין קרית יואל צו איינקויפן און ערלעדיגן געברויכן אא"וו. איבערהויפּט אינמיטן טאָג, בשעת ווען די מענער זענען אין די אַרבעט, און די נשים צדקניות ווילן קענען גיין און קומען מיט אַ היימישן געטרויבאַרן סערוויס, אויסגעהאַלטן ברוחניות ובגשמיות.

דער געטרייער אונטערנעמער ר' יואל האָט כדי דאָס צו קענען דורכפירן אויסגעלייגט שווערע טויזענטער דאלער פון זיין אייגענעם טאַש, האָפנדיג אַז ווען דאָס וועט זיך אויסאַרבעטן און פאַרברייטערן וועט דאָס קענען זיין אַ מקור מחי' בעז"ה.

ר' יואל האָט זיך צוגעשטעלט מיט האַרץ און געפיל, סערווירנדיג דעם ציבור העכסט געטריי, איבערגעגעבן און פּראָפעסיאָנאַל. ער האָט אויפגענומען די פּאַסאַנזשירן מיט א שמייכל, נאָכקומענדיג יעדע פאַרלאַנג מיט אַ גוט הארץ. די הונדערטער באַניצער פונעם שאָטעל זענען געווען העכסט צופרידן, און דאָס האָט אָן אַ שיעור צוגעגעבן צום רואיגן לעבן דאָ אין שטאָט.

אָבער צום באַדויערן, האָט דאָס געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די ווילעדזש-באַהערדע, וועלכע האָט דאָס נישט געזען מיט אַ גוט אויג. זיי האָבן זיך דערויף פאַרלייגט און עס געוואָלט פאר יעדן פרייז זען "אַראָפּ פון דער ראָוד".

טראָץ וואָס מ'איז נאָכגעקומען אלע זייערע פאַרצווייגטע פאַרלאַנגען, א שטייגער ווי: סעיפטי, ראוט אויסשטעל, סקעדזשול-פרעים און יעדע סאָרט זאַך וואָס זיי האָבן נאָר געבעטן, האָט דאָס זיי נישט באַפרידיגט, נאָר ווייטער פאַראַרבעט אויף אלע אופנים דאָס אָפּצושטעלן.

עס איז געווען א רחמנות צו זען ווי דער געטרייער שאָטעל-דרייווער ר' יואל ווערט סעקירט טאָג טעגליך. מ'האָט געזען און מיטגעהאַלטן ווי גוים פאָרן אים נאָך, און ווילעדזש מיטגעלידער פּרובירן מיט אלע מיטלען אים כאפּן ביי פארלעצונגען, אים ענג צו מאַכן אויף יעדן טריט און שריט, בשעת ווען זיין גאַנצער "פאַרברעך" איז בלויז געווען דאָס וואָס ער האָט סערווירט די שטאָט מיט געטריישאַפט.

זעענדיג ווי זייערע אַלע מאַכינאַציעס זענען נישט סוקסעספול אָפּצושטעלן דעם שאָטעל, איז זיי געלונגען אַפּירטערפּן א מכלומר'שטע געזעץ אַז באָסעס טאָרן נישט אַרומפאָרן דאָ אין שטעטל, און דערמיט אַרויסגעגעבן אַ טאָטאַלן פאַרבאָט אויף די ווייטערדיגע פונקציעס פון דעם שאָטעל.

אַריינקוקנדיג אין דעם לעגאַלן באַזיס צו דעם באַשלוס, האט דער אַדוואָקאַט ערקלערט פאר די יו.זשעי.סי. אַז ס'איז זייער מעגליך

אַז דאָס געזעץ האָט ווירקליך געצילט טאַקע די באָסעס, ווייל די געזעצן אין בלומינגראוו זענען אויסגעשטעלט געוואָרן מיט אַן אַנטי-קאמיוניטי אַגענדע, זינט דער גרינדונג אין 2006 ווען זיי האבן געוואלט זיך פאריזכערן אז אידן קומען זיך נישט דא באזעצן, און דערפאַר ווערן זיי אַזוי ווילד ווען זיי זעען דעם "אשר יגורנו בא", און די באָסעס פאָרן ווירקליך אַרום לטובת די היימישע איינוואוינער.

## די רעזאָלוציע און געריכטליכע שטרייטן

למעשה, איז דער שאָטעל געווען געשלאָסן אויף עטליכע וואָכן, בשעת מ'האט פרובירט צו פאַרהאַנדלען אויף געוויסע אופנים, פרובירנדיג אַלעס וואָס מ'קען דאָס צו שליכטן. צום סוף האט דער ווילעדזש געשלאָסן א רעזאָלוציע, אז מען מוז האבן א "פערמיט" צו קענען אָפּערירן מיט אַזאַ באָס צווישן די ווילעדזש-גרעניצן און זיי וועלן געבן א "פּראָבע" פון 90 טעג.

זעלבסטפארשטענדליך, אז ווי נאר די 90 טעג האבן זיך געענדיגט, און מ'איז האבן זיי מער נישט געוואלט געבן א פערמיט מיט אַ גאנצע סעריע פרישע זינלאזע תירוצים און לעכערליכע אויסריידן.

זעענדיג ווי די גאנצע זאך איז סתם אַ שפּיל און זיי האלטן זיך נישט ביים צושטעלן, האָט ר' יואל ווייטער אָנגעהויבן אָנגיין מיט'ן שאָטעל, און די איינוואוינער האָבן זיך איינפאך מחי' געווען מיט א רואיגע רייזע, נאָך א צייט אפשניט פון 90 טעג וואס מ'האט זיך ארומגעמוטשעט.

אָבער, דער ווילעדזש האָט זיך ביי דעם נישט אָפּגעשטעלט. זיי האָבן געקלאָגט די באס פאַרוואלטונג אין געריכט, און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די געריכטליכע אונטערהאַנדלונגען. מ'האט זיך פרובירט צו אַמפּערן מיט געריכטליכע אַרגומענטן, אָבער צום באַדויערן האט מען נישט מצליח געווען דערמיט, און דאָס געריכט האָט געאורטיילט, אַז דער ווילעדזש האָט די רעכט צו פאַרלאַנגען אַז מ'מוז האָבן אַ ספּעציעלן פּערמיט דערפאר און היות ס'נישטאָ קיין פּערמיט, קען דער שאָטעל דערווייל נישט פאָרזעצן אויפצונעמען פּאַסאַזשירן צווישן אירע גרעניצן.

נאָך אַלע פּרואוון צו באַקומען א פּערמיט, האָט מען נישט באַוויזן דאָס צו דערהאַלטן, און אַלס רעזולטאַט איז שוין לאַנגע חדשים וואָס דער אַזוי-וויכטיגער שאָטעל איז געגצליך פאַרשלאָסן, אויף שלאָס און ריגל, צום גרויס ווייטאָג פון אַלע תושבים, וועלכע פּלאָגן זיך אַרום טעגליך מיט טראַנספּאָרטאַציע, און איבערהויפּט צום אומבאַשרייבליכן שאָדן פונעם געטרייען שאָטעל-דרייווער און אייגענטומער, וואָס האָט דערין אינוועסטירט אַזויפיל געלט, צייט און ענערגיע.

## אויפנאַמע פון פרישן אַדוואָקאַט; נייע גונסטיגע אויסזיכטן בעז"ה

אויף דער אָנגייענדער פאַרלאַנג פון תושבי העיר, וועלכע זאָגן אַלע אַז דאָס איז אַ סאמע פּריאָריטעט וואָס שטערט אין טאָג-טעגליכן לעבן, האט אַצינד די "יו.זשעי.סי." זיך ווידעראַמאָל אַריינגעוואָרפן דערין מיט פרישע כוחות און בעז"ה באַוויזן צו רעקרוטירן אַ גאָר באַגאַבטן אַדוואָקאַט, מיט ערפאַרונג אין ענליכע פעלער, וואו ער האָט מיט זיין שאַרפע לעגאַלע פאַרשטאַנד באַוויזן אויסצוקעמפן באַדייטנדע געווינסן לטובת זיינע קליענטן קעגן רעגירונגס-אינסטאַנצן.

נאָכ'ן זיך דערגרינטעווען אין דעם קעיס, האט דער נייער אַדוואָקאַט אויפגעברענגט אַ שטאַרקע פּונקט, אז דאָס אָנגעבליכע געזעץ וואָס לויטעט אז "וויהיקלעס פאָר הייער" – אין אידיש גערעדט: טראַנספּאָרטאַציע פאַר געלט – טאָר נישט ארומפארן אויף די ווילעדזש-גאַסן שטימט נישט מיט דעם אז "יו.פּי.עס." און "פעדעקס" טרעקלעך מעגן יאָ קורסירן און זיך נאָכאַנאַנד אָפּשטעלן אויף די לאָקאַלע גאַסן...

מיט'ן אונטערשטרייכן די אומזיניגקייט און לעגאַלע לעכערליכקייט פון דעם געזעץ, האָט דער אַדוואָקאַט באַהויפּטעט, אז מיט זיין ערפארונג זעט ער פאָר אַז ער וועט זיין דערפאָלגרייך זיין דערמעגליכט אָפּצושלאָגן דאָס זינלאָזע געזעץ, און דער שאָטעל וועט אינגיכן קענען אָנהייבן צוריק צו קורסירן אויף די טעגליכע בלומינגראָוו-קרית יואל טריפּס.

לויט'ן פּלאַן וועט דער אַדוואָקאַט צום ערשט פאַרלאַנגען אין געריכט אַ "טי.אַר.אָו" – אַקראָנים פאַר "טעמפּאָרערי ריסטרעינינג אָרדער" – אַ צייטווייליגער אָפּהאַלט אויפ'ן פאַרבאָט אויף ווילאַנג די געריכטליכע פאַרהאַנדלונגען וועלן אָנגיין. דאָס מיינט אַז דערווייל זאָל מען נישט דאַרפן האָבן קיין ספּעציעלע לייסענס צו פירן אַ שאָטעל.

שפּעטער, דורכאויס די געריכטליכע פּראָצעדורן, דורכ'ן איבערווייזן אַז דאָס געזעץ איז דיסקרימינאַטאָריש זייענדיג געצילט דירעקט ענג צו מאַכן פאַר די אידישע איינוואוינער, האָפט מען צו קענען גענצליך אָפּצושאַפן דאָס געזעץ וואָס פאַרלאַנגט דעם ספּעציעלן פּערמיט.

בלומינגראָווער איינוואוינער זענען דאַנקבאַר די געטרייע עסקנים וואָס געבן זיך אַוועק צו פאַרטרעטן די צרכי העיר, און מ'באַגלייט די פּעולות מיט תפלות צום רבוש"ע אַז מ'זאָל מצליח זיין בעז"ה, צו קענען ווייטער אָנגיין מיט'ן לעבן דאָ אין שטאָט מיט אַ רואיגקייט, אָן קיין שטערונגען, מתוך הרחבת הדעת, און די סייעתא דשמיא זאָל באַגלייטן אונזערע שליחי הציבור וואָס געבן זיך אַוועק לטובתינו אַזוי איבערגעגעבן, וחפץ ה' בידם ישכיל ויצליח.

**תכין לך הדרך!**

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון ◆ וקול שמחה ◆ קול חתן ◆ וקול כלה

בשיר וקול תודה נברך לאלקינו על כל הטוב וחסד שגמלנו
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידינו
לקחת חבל בשמחתינו הוא יום כלולת בנינו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר קלונימוס אליעזר הלוי נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה
מרת פרומט תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' לסדר "ארבה את זרעכם ככוכבי השמים" (כי תשא)
**שושן פורים** אול"י ט"ז אדר
שנת "בשמחה ברינה בדיצה האהבה וחדוה" לפ"ק הבעל"ט
(ולמספרם March 11)

קבלת פנים בשעה 6:30 והחופה בשעה 7:30

באולם בית רחל פאראדייס
5 Israel Zupnick Drive Monroe NY

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבינו גם אנו בל"נ
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
גדליהו הלוי אפפעל ובו"ב
קרית יואל יצ"ו

הורי הכלה
עוזיאל לעפקאוויטש ובו"ב
בן הרה"ח ר' ברוך יודא ע"ה
חתן הרה"ח ר' פרץ לעפקאוויטש ע"ה
קרית יואל יצ"ו

כל מקדש שביעי כראוי לו • שכרו הרבה מאד על פי פעלו

# אקטיווע ארבעט צו אינסטאלירן מהודר'דיגע עירוב פאר שכונת "לעיק שאור" פראגרעסירט אין פולסטן שוואונג

**קאמפליצירטע עבודת הקודש צו אויפשטעלן לחי'ס, ענדיגן צורת הפתח'ס, און פארזיכערן יעדן דעטאל פון דעם עירוב המהודר, זעצט פאָר אין די יעצטיגע טעג מיט אויסטערלישע פלייס צו די אויסטערלישע פרייד און ערווארטונג פון תושבי השכונה וועלכע קוקן ארויס אויף די גמר המלאכה אין די גאר נאנטע טעג בעז"ה**

עירוב ווערט אויפגעשטעלט און באגלייט אונטער די שטרענגע און מהודר'דיגע השגחה פון הגאון רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א, אין באגלייטונג פון הרב מאיר בערקאוויטש שליט"א אב"ד קאריץ, וועלכער איז עושה ומעשה צו דורכפירן דעם תיקון עירובין מיטן שענסטן שלימות והקדוק הלכה











# תושבי בלומינגראוו פרייען זיך מיט די שמחה בבית הגה"צ אבד"ק ראדאוויץ שליט"א ביים גרויסארטיגן שבע ברכות מוצש"ק תרומה

דעם פארגאנגענעם מוצש"ק תרומה איז פארגעקומען א גאר געהויבענער מסיבת שבע ברכות אין ביהמ"ד ראדאוויץ ווי די תושבי העיר זענען זיך צוזאמגעקומען זיך מיטצופרייען מיט די גרויסע שמחה במעונו פון דעם באליבטן רב הגה"צ ר' יצחק מרדכי מייזעלס שליט"א אבד"ק ראדאוויץ, צו די חתונה פון אן אייניקל א טאכטער פון הרה"ג ר' יואל מייזעלס שליט"א ר"מ בישיבת אהל רפאל קאשוי, עב"ג החתן כליל המעלות בן הרה"ג ר' אברהם ראבינאוויטש שליט"א בן כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א.

דער שבע ברכות איז גלייכצייטיג געווען א מאניפעסטאציע פונעם אחדות וואס הערשט אין שטאט, ווען דער אויבנאן איז באשיינט געווארן דורך אלע רבנים וואס וואוינען אין שטאט, אזוי אויך איז געווען קענטיג א קאלירפולער ציבור וואס אלע צוזאמען שפירן דעם הכרת הטוב צום ראדאוויטשער רב און צו דעם הערליכן ווינקל 'ביהמ"ד מאורות נתן ראדאוויץ' וואס דינט ווי א לייכט טורעם פאר דעם געגנט.

דער מלוה מלכה איז געווען הערליך רייך צוגעשטעלט, און דער ביהמ"ד איז געווארן מייסטערהאפטיג אויסגעשטעלט צו קענען אקאמאדירן דעם ריזיגן ציבור, מיט אן הערליכן אויבנאן וואס איז באשיינט געווארן דורך פילע רבנים ות"ח ובתוכם, הרה"ג אב"ד טשאטה שליט"א, הרה"ג אב"ד בעהוש שליט"א, און דורך די רבנים פון שטאט בלומינגראוו, הרה"ג ר' יואל האלבערשטאם שליט"א רב דביהמ"ד קהל יטב לב - רינאק, הרה"ג אב"ד קרעמניץ שליט"א הרה"ג ר' יואל זוסמאן ראזענצווייג שליט"א, מו"ץ, הרה"ג ר' בערל מרגליות שליט"א, כ"ק אדמו"ר מבאניע שליט"א, כ"ק אדמו"ר מזאבליטוב שליט"א, הר"ר מאיר בערקאוויטש שליט"א רב ביהמ"ד קאריץ, הר"ר יצחק אייזיק ראטענבערג שליט"א, רב ביהמ"ד קאזאווע, און נאך.

דער יושב ראש הרה"ח ר' שלמה פריעד הי"ו וואס איז געווען פון די סאמע ערשטע תושבים אין די ווירדזשיניע געגנד, האט מיט זיין לשון לימודים אריינגעברענגט א געשמאקע




אטמאספערע אין דעם מסיבה, צווישן זיינע ווערטער האט ער ארויסגעברענגט אז דער מסיבה איז נישט בלויז א שבע ברכות, נאר אויך א סעודת הודאה צו לויבן השי"ת ווי שיין און ערליך די געגנד האט זיך אנטוויקלט, ער האט ארויסגעברענגט אז אונז געדענק מיר נאך ווי אונז האמיר זיך ארויסגעצויגן דא, אינגעלייט וואס האבן געזוכט א פלאץ וואו מען קען לעבן רואיג און באשיידן מיט הרחבת הדעת, אין די גאס האט מען געלאכט פון אונז אז אונז וועלן זיך נאך אין א שיינעם טאג אויפוועקן פון דעם חלום און דארפן פאקן ווייטער די פעק, יעצט שניידן מיר די פירות פון די שווערע הארעוואניע, מ'קוקט זיך אום אויף דעם שיינעם ציבור יראים ושלמים היימישע אידן וואס זיצן דא, א עיר מלאה חכמים וסופרים, און עס קומט זיך צו דאנקן דעם חשוב'ן ראדאוויטשער רב, וואס ער איז געווען דער נחשון צו עפענען א ביהמ"ד ווען די געגנט איז נאך געווען א מדבר שממה, האט ער געזאגט הנני איך בין דא, איך וועל אראפשטעלן א ערליך שיין ביהמ"ד וואס וועט זיין א געוואלדיגע תועלת פאר די געגענט, און דאנק זיין מסי"נ איז די געגנט צוגעוואקסן צו אן עיר ואם בישראל בליעה"ר, דאס איז די שמחה וואס מיר קומען זיך דא צוזאם לכבוד דעם רב זאל זיין געזונד, האט ער אויסגעפירט.

דער יו"ר האט זיך אויך באדאנקט בשם די קהלה פאר הנהלת ביהמ"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר, רינאק וואס האבן געהאט אין פלאן צו מאכן א מלוה מלכה פאר זייער ביהמ"ד דעם מוצ"ש תרומה, אבער זיי האבן עס אפגעשטופט צוליב דעם גרויסארטיגן מסיבת שבע ברכות.

דאן האט מען געהערט קורצע ווערטער און דברי ברכה פון הגה"צ אב"ד טשאטה שליט"א, לקראת די שמחה.

דערנאך האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' יואל זוסמאן ראזענצווייג שליט"א מו"ץ התאחה"ר, וואס איז פון די קביעות'דיגע מתפללים אין ביהמ"ד ראדאוויץ, און האט ארויסגעברענגט דעם 'אין בעל הנס מכיר בניסו' ווי מען האט געהערט פון געסט וואס פאלן צומאל אריין אין ביהמ"ד און ווערן ממש באגייסטערט פון די געהויבענע תפלות מיט אזא ווארעמקייט, און האבן זיך אויסגעדרוקט אז דער ביהמ"ד איז ממש א יקר המציאות אפילו אין די גרעסערע היימישע שטעט טרעפט מען כמעט נישט אזא הערליך ווינקל.

דער דיין שליט"א האט ארויסגעברענגט די שלשה עמודי עולם, תורה, עבודה, וגמ"ח, וואס דער ביהמ"ד פארקערפערט אין זיך, אין געביט פון תורה האט ער ארויסגעברענגט די פילע שיעורי תורה, אין פרקי אבות און שיעורים אין הלכה, און נאך.

אזוי אויך אין עבודה איז דער ביהמ"ד ברייט באקאנט מיט די געהויבענע תפלות, א דאווענען פרייטיג צו נאכטס איז בוקע רקיעים, דאס זעלבע שבת צופרי און שלש סעודות, ובפרט אין די הייליגע טעג ווען מען קומט צוגיין פון אלע עקן פון שטאט מיטצוהאלטן דעם רב'ס תקיעת שופר דרשות און געהויבענע הקפות, ווי אויך אין די ימים טובים. הרה"ג ר' יואל זוסמאן שליט"א האט ארויסגעברענגט אז מיר האלטן אצינד ביי דעם 'אחריתך ישגה מאוד' אבער אנגעהויבן האט זיך עס מיט ראשיתך מצער, דאס אליין אז דער

רב האט זיך קובע געווען דא אין דעם פלאץ האט ארויסגעברענגט א מורא'דיגע נקודה, אז דער פלאץ איז א פלאץ ווי מען זוכט קבלת עול מלכות שמים, אלע תורות און אלע דרשות גייען אויפדעם, אז מען אנטלויפט נישט פונעם אויבערשטן, דער אויבירשטער איז איבעראל, און אלעס גייט מיט דעם יסוד פון צאי לך בעקבי הצאן, ווען דער רב שליט"א קאכט זיך כסדר בתורת מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע און קוקט אויף טריט און שריט צו גיין נאר בעקבות הראשונים.

און דאס זעלבע אין גמילות חסדים גייט ארויס פילע טעטיגקייטן סיי פאר די קהלה און סיי פאר די גאנצע געגנט, ווי דער רב לאזט זיך אראפ צו יעדן איינעם און לייגט זיך אריין צו העלפן יעדן תושב אין נויט מיט אזא סבר פנים יפות, באזונדער האט דער דיין דערמאנט די פולע פעולות פונעם רב פארן 'קמחא דפסחא' קאסע, וואס דאס פאדערט באמת א באזונדער באשרייבונג פאר זיך, דער קאסע גייט שוין אן דריי יאר, זייט דעם גרינדונג פונעם שטאט, ולשבחם יאמר פון די חשוב'ע עסקנים דערפון, ר' יואל בערקאוויטש הי"ו, ר' אליעזר ירמי' שמילאוויטש הי"ו, ר' מרדכי לייב האלצער הי"ו, וואס האבן שוין אויפגעטריבן פילע צענדליגע טויזנטער דאלארן פאר די תושבים אויף פסח.

ספעציעל האט דער ער ארויסגעהויבן די חשוב'ע עסקנים למען השכונה פונעם ערשטן טאג, ה"ה ר' דוד ווייס הי"ו, און ר' מענדל ראזענבערג הי"ו, און נאך חשוב'ע עסקנים פון די קהלה, וואס האבן געשאפן און זיך געלאזט קאסטן שווערע הונדערטער טויזנטער דאלארן מרבה צו זיין טהרה אין שטאט, און דאס מאכן באקוועם מיט א 'שארטקאט' וואס האט אפגעקאסט צענדליגע טויזנטער דאלארן, דא האט ער דערמאנט לשבח הר"ר שאול יודא מענדלאוויטש הי"ו וואס האט גלייך מסכים געווען אוועקצוגעבן פון זיין לאט כאטש עס איז גאנץ ווייניג באטעמט צו האבן א דורכגאנג נעבן הויז.

דאן האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברי תורה פון הגה"צ אב"ד ראדאוויץ שליט"א, וואס האט נאך א שיינעם דרוש בדברי תורה אויסגעדרוקט זיינע געוואלדיגע רגשי הלב און זיך באדאנקט פאר די ווארעמקייט און ברודערליכקייט וואס דער ציבור האלט זיך צוזאם, באזונדער האט ער באדאנקט די עסקנים וואס טוען יומם ולילה למען הקהלה און לטובת די גאנצע שטאט.

דערנאך האט אויפגעטרעטן הגה"צ אב"ד בעהוץ שליט"א וואס איז אויך געווען אקטיוו בשעתו אין אויפבויען א נייע געגנד בגלילות קרית יואל, דער בעהוץ'ער רב האט ארויסגעהויבן דאס חשיבות וואס תושבי בלומינגראוו פארמאגן צו האבן דעם ראדאוויצער רב, און





ער האט ווייטער געזאגט אז אין א נייע געגנד אוועקצושטעלן די יסודות איז נישט קיין גרינגע זאך, געווענדליך מופן דאך ארויס אינגעלייט, אפילו אינגעלייט תלמידי חכמים, פעלט דאך אויס איינער פון דעם עלטערן דור, וואס זאל באגלייטן את המעשה אשר יעשון ואת המעשה אשר לא יעשון, מען דארף דאך האבן אביסל הדרכה, וואויל איז ענק וואס עטץ זענט זוכה, צו אזא חשוב'ן רב, פון עלטערן דור, ובפרט א זון פון זיין פאטער רבי נתן יוסף ז"ל וואס איז געווען דארט ווען מען האט געדארפט אמעריקע אהערשטעלן וואס איז דאך געווען א ארץ לא זרועה, האט ער דאך געהאט שימוש צו זעהן וויאזוי דאס גייט, און ער געבט איבער די מסורה ווייטער, איז נישטא קיין שענערע זאך פון דעם" האט דער בעהוץ'ער רב געזאגט.

דאן האט דער ראדאוויצער רב שליט"א פארטיילט מתנות פאר די פילצאליגע בחורי חמד וואס נעמען אנטייל אין דעם ספעציעלן 'סדר הלימוד מוצאי שבת' וואס קומט פאר וועכנטליך אין ביהמ"ד ראדאוויץ אין די ווינטער וואכן, וואס איז באמת א מחזה הוד צו זעהן ווי צענדליגע בא'חנ'טע בחורים זענען זיך מייגע אין תורה מיט א ברען, און ס'הילכט אפ א קול תורה. און עס איז ארויסגעברענגט געווארן לשבח הר"ר מרדכי פעלבערבוים הי"ו, וואס פירט אן דעם סדר הלימוד מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבענקייט, און עס איז אין פלאן דאס ממשיך צו זיין מיט אזא סדר אויף בין הזמנים אויך בעז"ה.

דערנאך האט אויפגעטרעטן הר"ר יצחק אייזיק ראטענבערג שליט"א רב דביהמ"ד קאזאווא, וואס האט אלץ א טאטע פון איינער פון די בחורים וואס האלטן מיט דעם סדר הלימוד זיך באדאנקט פאר די עסקנים און ארויסגעברענגט דעם גרויסן חשיבות דערפון.

ר' יצחק אייזיק וואס טוט אויך אין פארקויפן דירות, פון די בארימטע "בלוי ריעלטי" פירמע האט ארויסגעברענגט אז ווען ס'קומט צו פארקויפן אדער פארדינגען א דירה פרעגן כסדר מענטשן "ווי נאנט איז די דירה צו ראדאוויץ?"...

צום שלוס האט דער לאנג יעריגער פורים רב הרב יעקב אלחנן וואגשאהל הי"ו משמח געווען דעם ציבור בשמחת חתן כלה מיט גאר געלונגענע דברי בדחנות, וואס האט קיינעם נישט געלאזט אן א שמייכל.

מיט בענטשן איז מכובד געווארן דער ראדאוויצער רב שליט"א, מיט ברכות זענען מכובד געווארן די מחותנים, דער דיין הרה"ג ר' יואל זוסמאן ראזנצווייג שליט"א, הר"ר נחום יואל שטערנפעלד הי"ו, הר"ר שמואל שמעלקע קליין הי"ו, מיט ברכה אחריתא איז מכובד געווארן הגה"צ אב"ד קרעמניץ שליט"א.

דערנאך האט זיך דער גאנצער עולם ארויסגעלאזט אין פייערדיגע טענץ ביז אין די טיפע נאכט שעה'ן, ווי דער רב האט פערזענליך אויך געטאנצט מיט יעדן באזונדער פון די תושבי העיר, ווי עס האט זיך אנגעזעהן די רגשי הלב, בשבח והודאה צום אויבירשטן אויף דעם געהויבענעם שמחה, און אויף דעם זכי' וואס מען האט צו האבן אזא הערליכן ווינקל וואס באלייכט די גאנצע שטאט.

**ויה"ר שמשמחה זו יושפע שפע רב.**

# די בלומינגראוו שאטעל

**שמועס מיטן באליבטן אייגנטומער און דרייווער**
**מוה"ר יואל אבערלענדער הי"ו**

**מיר געדענקען גוט די כסדרדיגע מעסעזשעס פון רבי יואל, ווען ער פלעגט ארומרופן האלטענדיג דעם עולם אפטעיטעט, "לײדער... צוליב וואס מען לאזט אונז נישט ארום פארן, וועט די שאטעל זיין געשפארט ביז ווייטערדיגע מעלדונג... מיר בעטן דעם עולם זאל ווייטער מתפלל זיין... א דאנק די בלומינגראוו שאטעל".**

**די בלומינגראוו שאטעל איז געשטאנען צו דינסט פאר אלע איינוואוינער פון שטאט, דאס איז געווען גאר א וויכטיגע און פראקטישע וועג פון טראנספארטאציע, ספעציעל פאר פרויען און קינדער. הרה"ח רבי יואל אבערלענדער נ"ו האט דאס געגרינדעט, און געארבעט איבערמידלעך אז דאס זאל צושטאנד קומען, ווי באקאנט איז ער דורך שבעה מדורי גיהנום, ביז דאס איז ליידער געענצליך אפגעשפארט געווארן.**

**רבי יואל פארציילט די גאנצע געשיכטע פונעם שאטעל, ווי אזוי דאס איז געשאפן געווארן, אלע דעטאלן פונעם ערשטן טאג ביז עס איז אפגעשטעלט געווארן. וואס מיר האפן און תושבי בלומינגראוו, קוקן שטארק ארויס אז דאס זאל וואס שנעלער צוריק געפענט ווערן.**

## ווי אזוי האט זיך דאס אנגעפאנגען

איך בין געווען פון ערשטע תושבים דא אין בלומיגראוו, איך בין געווען דער צענטער איד צו דאווענען ביי הר"ר מענדל ראזענבערג שליט"א אינדערהיים. מיר האבן זיך ארויסגעצויגן פון ווילאמסבורג, דארט האב איך געטוען קאר סערוויס, איך האב שוין געהאט באשטימטע קונדען, וואס האבן מיר כסדר גענוצט, אבער זיך ארויסציענדיג אהער, האב איך דאס מער נישט געהאט, און איך האב געזוכט א פרנסה.

יענע צייט -ארום דריי יאר צוריק- זענען געווען עטליכע אידן וואס האבן דא געוואוינט, וואס האבן מיר כסדר געבעטן, אז היות קאר סערוויס קאסט זייער אסאך, זאל איך מיר איינהאנדלן א ווען, און מאכן א שאטעל וואס וועט פירן דעם עולם קיין קרית יואל, און די ארומיגע געגענט. איך פלעגט זיך דורך רעדן מיט מיין פאטער, אבער ער פלעגט דאס אוועק מאכן, דאס איז נישט קיין עסק, ס'לוינט זיך נישט וכו'.

איין טאג נאך וואס מענשטן דא, האבן מיר נישט אויפגעהערט צו בעטן און שטיפן, אז איך זאל מיר דערין אריין לייגן. בין איך געפארן צו ריבצינער רבינס זצ"ל ציון הק', איך האב זיך אויסגערעדט, אז ס'קוקט מיר אויס זייער א גוטע געשעפעט וואס איך וועל אי"ה קענען מאכן פרנסה, און אויב ס'איז טאקע די ריכטיגע זאך, זאל דער אייבישטער העלפן עס זאל זיך אויסארבעטן.

בערך א וואך שפעטער, טרעף איך מיין טאטע נ"י, איך זאג איך נאכאמאל וועגן דעם שאטעל, און ער זאגט יא עס איז א גוטע איידיע, געגאנגען, לאמיר עס דורך פירן בעז"ה. מיר זענען געגאנגען און געקויפט א "ברענד נוי" וועו, מיט א אויטאמאטישע טיר. מיין טאטע האט זיכער געמאכט, אז אלעס זאל זיין הונדערט פארצענט אויסגעהאלטן און לעגאל, מיט די DOT און אלעס ארום.

## מיר פאנגען אן מיט וועו

מען האט דעמאלט צוזאם געמומען פופציג חתימות אריין צו געבן א פארטישאן אז "דרך אמונה" זאל קענען פארן, אויך האט מען דעמאלט אוועק געשטעלט א מעמבערשיפ פראגראם, פון 50$ א חודש, **און דער שאטעל איז ב"ה אריין אין קראפט.**

הרב רבי יצחק אייזיק ראטענבערג שליט"א קאזעווע רב, און שפעטער הר"ר יואל פעקעטע נ"י האבן מיר זייער שטארק ארויס געהאלפן, און זיך אוועק געגעבן בייטאג און ביינאכט, מיט די מארקעטינג, זיי האבן געמאכט זייער שיינע גראפיקס, און געארבעט שווער, מיר צו העלפן אויסצושטעלן די רוטס, איין באקאנטע עד איז דעמאלט געלאפן "גיי יואלי גיי"




**ר' יואל אבערלענדער פארנט פונעם ערשטן שאטעל וועו**

ווען מיר זענען ארום געפארן מיט די וועו, איז די סדר געווען אזוי. ווען א מאמע איז געקומען מיט א קינד, די טיר האט זיך אויטאמאטיש געפענט, אבער די מוטער האט געברויכט ארויס נעמען דאס קינד פונעם וועגעלע, אראפ לייגן אויף די סיט, אמאל איז זי געווען מזל'דיג, אז ס'איז שוין געווען איינער אינעם וועו, וואס האט געקענט איבערנעמען דאס קינד, אז נישט האב איך געראפט אנגעכאפן דאס קינד, זאל פשוט נישט אראפפאלן.

דערנאך האט זי געדארפט גיין עפענען די אונטערשטע טירן, צוזאם לייגן די קעירעזש, און דאס אריין לייגן אין טראנק. דאס זעלבע האט זיך אפגעשפילט ווען מ'איז אראפ פון וועו.




און א מאמע וואס האט געטראגן א נישט גוט פילענדיג קינד צום דאקטאר האט די גאנצע שפיל גורם געווען אז דאס קינד האט זיך עטליכע מאל אויפגעוועקט, און זיך גענומען וויינען, דאס איז געווען איינע פון די שוועריקייטן פונעם ווען.

אפילו עס איז געווען אויסגעשטעלט מיט א רוט, מיט באשטימטע סטאפס. אבער ווען עס גערעגענט אדער ס'איז געווען שווער, פלעג איך צופארן ביזן טיר, און אן א שיעור מאל בין ארויס געגאנגען העלפען די מאמע מיט די וועגעלע, איך האב געטוען אלעס וואס מעגליך ארויס צו העלפען א אידיש קינד.

אויך האב איך אויסגעניצט די באס צו טוען טובות פאר אידן, מוצאי שבת פלעג איך אהיים פירן דעם עולם פון שול נאך שלש סעודות, זייער אסאך מאל האב מקיים געווען די מצוה פון השבת אבידה, ווען מענטשן האבן איבערגעלאזט ווערטפולע חפצים אויפן באס.

איך האב געהאט די זכיה צו פירן יעדען פרייטאג מיטן שאטעל הגה"צ רבי יצחק מרדכי מייזעלס שליט"א אב"ד ראדאוויץ, אויך האב איך געפירט דעם קרעמיניצער רב שליט"א צופרי אין שול דאווענען, אזוי אויך האב איך געהאט די זכי' מיטן ווען אז האי גאון וצדיק כ"ק אדמו"ר מצאנז-זמיגראד שליט"א איז געפארן דערמיט, עס איז געווען דעמאלט ווען מ'האט זיך גערישט אויפצוקויפן א באס, און מיר האבן געזאגט פאר'ן רבי'ן שליט"א אז מ'גייט שוין אריבער פונעם ווען צו א באס, און דער רבי שליט"א האט גאר שיין אנגעוואונטשען.

צופרי האב איך געהאט א 8:15 רוט, וואס אידן האבן געניצט צו גיין דאווענען, דאס איז נאך געווען פאר עס איז געווען געהעריגע שולן אין בלומיגראוו, עס איז טאקע נאר געווען א פאר אידן, אבער מיר האבן דאס אנגעהאלטן און געפילט פאר א זכיה אז מיר פירן אידן צו דאווענען מיט מנין.

## מיר פאנגען בעז"ה פארן מיטן באס - די שוועריקייטן

מיט די צייט, איז דער עולם נתרבה געווארן, און די ווען איז געווארן מער און מער פיל, ביז עס איז שוין ממש נישט געווען קיין פלאץ זיך צורירן. מיר האבן אנגעפאנגען צו טראכטן פון זיך אויסברייטן צו א באס. מען האט טאקע ב"ה געקויפט א שיינע באס מיט אלע באקוועמליכקייטן, עס איז געווען ברייט און באקוועם, ווי אויך איז געווען ממש א מחיה פאר די מאמעס מיט די וועגעלעך, וואס האבן זיך שוין נישט געדארפט מוטשען.




אבער דא האט זיך אנפאנגען די צרות, די לאקאלע באאמטע האט זיך גענומען צו אונזערע ביינער, קודם האט די פאליציי מיר געהאלטן און איין אפשטעלן די באס, יעדעס מאל מיט א אנדערע אויסרייד, און מ'דארף פארשטיין אז פילע מאל זענען געווען קינדער אויפן באס, און די עלטערן האבן נישט געוואוסט ווי די קינדער זענען, אזוי אויך האט מענטשן געווארט אויף די באס, און עס איז נישט אנגעקומען, ווייל די פאליציי האט אונז אויפגעהאלטן.

די צוויי חשובע עסקנים מוה"ר הערשל לעווי נ"י און זיין שותף לדבר מצוה מוה"ר אליעזר יחזקאל שווימער נ"י זענען אונז געשטאנען צו הילף, אלעמאל וואס מיר האבן געהאט צו טוען מיט די פאליציי, זענען זיי גלייך דארט געווען און עס מסדר געווען.

די ווילעזש האט ספעציעל אראפגעברעגט די DOT פאליציי, זיי זאלן "האלטן אן אויג" אויף די שאטעל, אזוי איז אויסגעקומען, א גאנצע צייט ווען די שאטעל איז ארום געפארן איז עס "באגלייט געווארן מיט פאליציישע באוואכונג", זיכער צו מאכן אז איך פארלעץ נישט קיין שום געזעץ.

אויך פילע אלגעמיינע איינוואוינער האבן זיך ארויס געלאזט אויף די גאסן פון בלומיגראוו, צו באוואכן דעם שאטעל און כאפן בילדער, אזוי ביז איז כסדר געווען אונטער מוראדיגע דריק, ווייל מען האט מיר באגלייט פון צופרי ביז ביינאכט.

עס ברויך דאס ארויס געברענגט ווערן אז פאבליק טראנספארטאציע, איז געווענליך צוגעשטעלט און געשטיצט דורך די שטאט, דאס איז א פארשטענדליכע געברויך פון די איינוואוינער און די שטאט שטעלט דאס צו, ביי אונז דא איז אבער געווען ונהפוך הוא, אנשטאט דאס צו העלפן און שטיצן האבן זיי געטוען וואס אימער מעגליך, דאס צו שטערן און אפשטעלן. אבער מיט די אלע זאכן, האבן מיר זיך אלמאל אויפגעפירט מיט דרך ארץ און הכנעה אזוי ווי א איד אין גלות ברויך זיך אויפפירן.

נאך א חודש צייט פון פארן מיטן באס, איז געקומען א באפעל פון די ווילעזש אפיס, אז מיר מוזן אפשטעלן די באס סערוויס, ווייל עס איז אומלעגאל, באין ברירה זענען מיר צוריק געגאנגען צו די וואן. אבער דא האבן דא עסקנים אנגעפאנגען מטכס עצה זיין וואס מען טוט דא ווייטער.

מען איז זיך צוזאם געקומען אויף א קריטשע וויכטיגע אסיפה, ביי מוה"ר יצחק עקשטיין נ"י אינדערהיים, מען האט באשלאסן אלע בפה אחד, און געגעבן א "דעיד ליין" אויף מען קען זיך נישט דורך קומען ביז א געוויסע צייט וועט מען מוזן נעמען אנדערע שריט, מיר האבן געזעהן קלאר אז זיי פירן אונז ארום, כסדר מיט אנדערע אויסריידן.

נאכן זיך אראפזעצן און פאראהאנדלן, האבן זיי מיר זייער באגרעניצט, ווען איך מעג פארן, און ווי איך מעג זיך אפשטעלן. זיי האבן ממש אוועקגענומען די גאנצע ציל און אויפטוה פונעם שאטעל, די בעסטע און פולסטע רוטס פון 12 און 3 אזייגער, ווען די פרויען יאגן זיך צו צוריק צו די באסעס, זענען אוועקגענומען געווארן, און אזוי אויך האבן זיי באשטימט ווי די באס קען זיך אפשטעלן. און בכלל האבן זיי פארדרייט די גאנצע רוט.

מיר האבן געדארפט ארום פארן אויף גאסן, ווי עס וואוינט נישט קיין איין איד, דאס האט בלויז פארנומען עקסטער צייט, און פארדרייט די גאנצע סדר, עס האט אויפגערעגט סיי די אידן, פארן ארום שלעפן על לא דבר, און די גוים זענען אויך געווען ברוגז אז די באס קומט צו פארן אין זייערע גאסן. אבער אידישע באוואוינטע גאסן ווי לעיק שאור, האבן מיר נישט געטארט פארן.

די צייטן זענען געווען זייער שווער פאר מיר, און האב אסאך מאל געפילט ממש ווי איך פארליר דאס געדולד, איך האב שווער געארבעט, אבער די באס איז געווארן ליידיגער א דאנק די רעגולאציעס וואס זיי האבן אראפ געשטעלט. איך פלעג דארפן מסביר זיין פארן עולם, אז איך קען זיך נישט דא אפשטעלן, ווייל די ווילעזש לאזט מיר נישט, הגם איך האב זייער געוואלט צופרידן שטעלן יעדעם איינעם, בין איך געווען מיט געבינדענע הענט.



**די שאטעל באס פארט אויף די ווירדזשינע גאסן זומער תשע"ט**
**(בילד גענומען פון גוגל מאפעס)**

איך האב געפילט ווי דאס איז קעגן די גאנצע מטרה, פארוואס מיר האבן געעפנט די סערוויס, וואס איז געווען בלויז צו העלפן מענטשן און דאס האבן מיר ליידער דאן נישט געקענט טוען. די חדשים וואס נישט געווען די שאטעל איז געווען פארשפארט, איז נישט אריין געקומען קיין געלט, אבער מיר האט ווייטער געקאסט די הוצאות, ווי אינשאראנס, אינספעקטשאנס או"וו דאס האט מיר אריין געשלעפט אין אסאך חובות.

איך האב זיך אבער צוגעשטעלט גענוי ווי אזוי זיי האבן געהייסן, און אלעס אויסגעפאלגט ווי א וואויל אינגעלע. איינמאל איז אויסגעקומען אז א מאמע מיט א פיצל קינד פון פיר חדשים, איז געקומען אויפן באס, עס איז געווען פראסטיג קאלט, בין איך צוגעפארן און איר צוטראגן צום טיר. איינער פון די טראסטיס וואס האט נאכגעקוקט דעם שאטעל אויף טריט און שטריט, האט געכאפט א בילד פון דעם, און זיי האבן דעמאלט פאררופן א פלוצימדיגע מיטיגס, און פון איין מינוט אויפן צווייטן אפגעשטעלט די שאטעל, צום באדויער פון אלע בלומיגראווער איינוואוינער

דעמאלט האבן זיי אונז גערופן אין געריכט, מיר האבן זיך זייער פארטייטיגט מיט גוטע לויערס, און די געריכט האט טאקע געגעבן א "סטעי" אז מיר זאלן קענען ווייטער פארן. איינע פון די זאכן וואס די ווילעזש האט פארלאנגט אז מיר זאלן צושטעלן GPS טרעקינג, וואס ווייזט פינקטליך יעדע ריר פונעם באס. אונזערע אדוואקאטן האבן דאס אבער אפגעווארפן אז מיר זענען נישט מחויב דאס צושטעלן.

נאכן זיכן און קראצן ווי מען קען אונז באקעמפן, האבן זיי געפונען עפעס אויף מיינע לייסענס. ר' יצחק עקשטיין נ"י רופט מיר אן אז איך קען מער נישט פארן, איך האב געפארקט די באס, און אהיים גענומען דעם עולם מיט מיין קאר, איך בין געפארן די רוט פונעם שאטעל, און זיך אפגעשטעלט ווי מענטשן האבן געווארט און זיי פארשעמטערהייט געדארפט זאגן, א די ווילעזש לאזט אונז שוין ווייטער נישט פארן

נאך א וואך זוכן, האבן מיר ב"ה געטראפן א דרייווער, וואס האט מיר איבערנעמען, און פאר א גאנצע צירקע פון זיבן חדשים האב איך נישט געקענט דרייווען, און איך האב געדארפט דינגען און באצאלן פאר א דרייווער, וואס פארשטייט זיך דאס האט אפגעקאסט איבריג געלט וואס די קאמפעני האט נישט פארמאגט.

די צייטן וואס איך בין נישט געווען ערלויבט צו פארן, האב איך געטוען אלעס וואס מעגליך צו אהיים ברענגען פרנסה, ווי דרייוון קאר סערוויס און נאך. אויך זענען מיר געזעצן אין בית מדרש אין רינאק, און געלערנט מיט הר"ר ברוך גלויבער נ"י און ער האט מיר זייער מחזק מיט ווארימע הארץ.

## א דאנק פאר די אידן וואס האבן מיר געהאלפן

איך וויל דא ארויס ברענגען מיינע דאנק ווערטער, פאר די עסקנים וואס האבן מיר געהאלפן און אריין געלייגט געוואלדיגע כחות לטובת דעם שאטעל הלא המה הר"ר משה האלפערן נ"י, ר' יואל גאלדשטיין נ"י ר' ירמי ראזענבערג נ"י ר' ישעי הירש נ"י זיי האט זיך אריינגעלייגט און געארבעט זייער שווער לטובת הכלל, ישלם השם שכרם. און אחרון אחרון חביב ר' יואל שטערן נ"י וואס האט מיר זייער געהאלפן און באגלייט אויף טריט און שריט.

ר' יצחק עקשטיין נ"י קומט זיך א ספעציעלע דאנק, ער האט זיך אוועק געווען לייב און לעבן, יומם ולילה לא ישבות. יעדע ווילעזש מיטינג אדער קאורט איז ער געווען דארט, און זיך אריין געלייגט ראשו ורבו, ער איז ממש געווען נושא בעול פון די גאנצע שאטעל מיט אירע אלע פראבלעמען. ישלם השם שכרו אלס א עוסק בצרכי ציבור באמונה, מיט ברכה והצלחה וכל טוב סלה

הרב רבי אברהם יושע פריינד שליט"א מ'נאסאד האט זיך מוראדיג אוועק געגעבן, ווען עס האט זיך נאר אויסגעפעלט, איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן די פאר מאל די ווען איז געווען צובראכן, רבי אברהם יושע אליינס מיט זיין קאר, און איך מיט מיין קאר זענען געקומען אפנעמען דעם עולם, ער האט מיר נאך אסאך געהאלפן. אזוי אויך האט ער זיך נישט געשעמט, אליינס צו פיצן די פענסטערס פון די וואן און שפעטער פונעם באס.

הרה"ח רבי חיים פריינד נ"י מיט בנו ר' יושע נ"י, האבן מיר געהאלפן בלב ובנפש, און געטוען לפנים משורת הדין, סיי מיטן העלפן קויפן די באס, און וואספארא פראבלעם עס האט זיך געמאכט, האט ער דאס פארראכטן גלייך, און צומאל געבעטן די ארבעטערס זאלן בלייבן "אווער טיים" כדי די באס זאל זיין גרייט אויף די מארגענדיגע טאג.

דער זאבליטוב'ער רבי שליט"א בין איך אויך שולדיג א הכרת הטוב, וואס האט מיר געהאלפן אין די אלע שווערע צייטן, וואס מיר זענען דורך מיטן שאטעל מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט.

אזוי אויך וויל איך זיך באדאנקן פאר אלע איינוואוינער פון בלומיגראו, וואס האבן ארויס געוויזן זייערע ווארימע שטיצע, לטובת דעם שאטעל, מען האט דאס שטארק געקענט אנזעהן, ווען דער עולם האט זיך באטייליגט אין די מאסן, אין אראפ געגאנגען סיי אין קאורט, וואס איז אויסגעקומען חול המועד, און זיך באטייליגט ביי די ווילעזש מיטינג, וואס האט ספעציעל באהאנדלט די טעמע פון די שאטעל.

די ווילעזש האל איז געווען געפאקט עד אפס מקום, איין מערוועקידיגע עפיזאד האט זיך אפגעשפילט ביי די ווילעזש מיטינג, ווי א קליין אינגל האט זיך אויפגעשטעלט, זאגן אז אויב ער פארפאסט זיין באס טראגט אים די שאטעל אין

שולע. די שטארקע אנוועזנהייט ביי די מיטינג האט טאקע אויפגעטוהן צו באקומען א צייטווייליגע פערמיט.

## חיזוק פון א מעשה מיט הצה"ק רבי יחזקאל'ע מערץ זי"ע

איין טאג ווען איך האב נישט געקענט דרייוון, האב איך געדינגען א קוואליטי באס, מיט זייער דרייווער, און איך האב ארויפגעשלעפט יעדע וועגעלע מיט מיין הענט, האט מיר יענער דרייווער דערציילט אזא מעשה, עס איז דאך באקאנט הרה"ק רבי יחזקאל'ע מערץ זי"ע האט געגרינדעט די באסעס פון ווילאמסבורג צו מאנהאטן, פלעגן זיי כסדר באקומען טיקעס, איז רבי יחזקאל'ע אליינס, אלעמאל געגאנגען און באצאלט די טיקעס, און די באסעס זענען געפארן ווייטער.

איינמאל האט די געריכט געפסקנט, ס'איז שוין דא צופיל טיקעטס פאר דעם באס, מיר זענען גרייט אראפ נעמען אלע טיקעס אבער מען ברויך דאס אוועק שטעלן מיט אלע רעגולאציעס, וואס דאס איז ממש נישט שייך געווען צו טוען איז דער דרייווער הרה"ח רבי חיים פריינד שליט"א [איך האב אים איבערגעפרעגט די מעשה] געגאנגען צו רבי יחזקאל'ע זי"ע, אז ער האט מורא ווייטער צו פארן..... זאגט אים רבי יחזקאל'ע טוה מיר א טובה, גיי נאך איין טאג, איך זאג דיר צו, איר וועט א פאליציאנט מער קיינמאל נישט זעהן. אלעס וועט אנגיין כראוי, וכך הוה.

די מעשה האט מיר געגעבן א געוואלדיגע חיזוק, עס איז געווען יענעם טאג וואס די TOD געלאקערט אויף מיר, איך בין געווען צוקלאפט און צובראכן, און נישט געוואוסט וואס מעו טוט דא ווייטער, און די מעשה האט מיר געגעבן א שטיפ פאראויס.

נאך א לאנגע קאמף אין געריכט, ווי די ווילעזש האט באצאלט פון אונזערע שטייער געלטער פאר אדוואקאטאן, איז ליידער ארויס געקומען די פסק אז די שאטעל קען מער נישט ארום פארן, דא איז געווען א קלאפ פאר גאנץ בלומיגראוו, עס איז ווייטאג און פארדוס, אז מיר קענען נישט האבן מינאמאלע באדערפענישן.

## אויספיר - די וויכטיקייט פון ארויסגיין וועלן

מיר האפן אז דער באשעפער וואס האט אונז געהאלפן ביז היינט, וועט ווייטער העלפן. און די שאטעל וואס יעדער קוקט אזוי שטארק ארויס פאר דעם זאל בקרוב צוריק געפענט ווערן. און מיר זאלן קענען סערווירן אלע בלומיגראווע איינוואוינער בסייעתא דשמיא אכי"ר

דאס וועט פארשטיי זיך נאר צושטאנט קומען, אויב יעדע איינציגסטע אידישע איינוואוינער, וועט ארויס קומען און אפגעבן זייער שטימע פאר די אידן פריינד




קאנדיטאטן, ר' יואל אבערלענדער, בעט זיך מיט כל לשון של בקשה. קומט ארויס פאר אייער אייגענע טובה. מיר דארפן צאלן דאך געשוואלענע פרייזן פאר קאר סערוויס וכו,

דאס איז נישט נאר פאר מיין פרנסה, דאס איז עפעס וואס אלע תושבי בלומינגראוו דארפן זייער וויכטיג. אייער שטימע קען דאס אנטשייטן. ובעזרת השם יתברך וועלן מיר געווינען און קענען באנייען די שאטעל


מאסיווע עבסענטי ווייל'ער דרייוו אינטערגענומען
דורך די יו.זשע.סי. אָנצושליסן אַלע רעגיסטרירטע
וואס וועלן נישט האָבן די מעגליכקייט צו זיין דאָהי
אינעם קריטישן וואַל-טאָג מיטוואָך ויקהל פיקודי
עסקנים און באורד מעמבערס ארבעט פיבערדיג, דורכצופירן דעם עבסענטי ווייל'ער דרייוו,
ארויסהעלפן די ווייל'ער מיטן ארומטראָגן און אָפּנעמען די עבסענטי אַפּליקאציעס פון ווייל'ער



# דאס ווארט פון אונזערע געטרייע פאַרטרעטער

**אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראָווער איינוואוינער, בכל עת מצוא**

שמועס מיט האי איש כשרון
וכביר המעש, ידיד נפש כל חי
איש חי ורב פעלים

## הרה"ח ר' יצחק עקשטיין הי"ו

**אקטיווער און געטרייער
'באורד טשערמאן'
אין שפיץ פון "יו.דזשעי. סי."**

**א געפיל פון הכרת הטוב און שעצונג באנעמט אונז ווען מיר האלטן אפ א שמועס מיט דעם האי איש המעש והפעולה, איש חיל ורב פעלים, מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו, וועלכער איז דער עושה ומעשה בה"א הידועה לטובת הציבור ולטובת תושבי העיר, אלס דער איבערגעגעבענער 'באורד טשערמאן' אינערהאלב די קאמיטע פון 'יו.דזשעי. סי.' וואו ער איז עומד לשרת בקודש מיט הארץ און געפיל פאר די וואוילזיין און צוקונפט פון 'בלומינגראווו' בתפארתה.**

**ר' יצחק, אויב ס'איז שייך אין קורצן צו דערציילן אייער שייכות מיט אונזער באליבטע געגנט און וויאזוי זענט איר אריינגעקומען אין בילד פון עסקנות לטובת הציבור ?**

אנגעקומען קיין בלומינגראוו בין איך מיט אומגעפער נאנט צו 4 יאר צוריק, אין די "בראשית יארן" פון דעם געגנט. פאקטיש זענען מיר געווען די 11'טע אידישע משפחה וואס האט זיך אריינגעצויגן אין די היינט בארימטע "ווירדזשינע" געגנט. ס'איז נאך אלעס געווען גאר בזעיר אנפין.

די איינציגע בית המדרש פאר די גאנצע געגנט איז געווען אין שטוב פון הרה"ג רבי יצחק אייזיק ראטנבערג שליט"א אבד"ק קאזאווע, וואס איז טאקע געווען א זייער געשמאקע און בע'טעמ'טער שטיבל מיט א ווארימקייט און גאסטפריינדליכקייט, וואס האלט נאך ב"ה אָן עד היום הזה.

ווידעראום פאר די מקוה שב"ק אינדערפרי האט ידידינו העסקן ר' ישעי' הירש הי"ו צוגעשטעלט א פראוועזארישע מקוה ביי זיך אין גאראדזש, אזוי אז יעדע וואך שב"ק אינדערפרי האבן מיר ארויפשפאצירט דעם בארג צו גיין אין מקוה.

איין וואך שבת, זענען מיר געווען א גרופע אידן וועלכע האבן אהיימשפאצירט פון דער מקוה און אויפ'ן וועג איז אונזערע אויגן געפאלן אויף א גרויסן פארלאזטן הויז אינמיטן רינאוק, וואס איז געווען ארומבאוואקסן מיט הויכע גראז און עס האט אויסגעזען ווי עס איז אומבאוואוינט, מיט א גרויסן שטח ארום פון כמעט אַן עיקער גרויס. אזוי אויפ'ן וועג האבן מיר צווישן זיך געשמועסט אז דאס וואלט דאך געווען גאר פאסיג פאר א היימישע גרויסע בית המדרש פאר דער געגנט.

פון יענעם שמועס האבן זיך זאכן אנגעפאנגען רוקן. במשך די קומענדיגע טעג האבן מיר זיך טאקע אריינגעלייגט צו וויסן מער איבער דעם הויז און איר בעה"ב. ס'האט זיך טאקע ארויסגעשטעלט אז דאס הויז שטייט צום פארקויפן, מיר האבן געגעבן דעפאזיט און דאס רעשט איז, ווי מען זאגט, היסטאריע.

ב"ה אז מען האט דארט קובע געווען דעם בית גדול שמגדלין בו תורה ותפלה, דאס בית המדרש דקהל יטב לב ד'סאטמאר, בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וואס איז אויסגעוואקסן א פרעכטיגע צענטער פאר דער גאנצער געגנט זייענדיג א שיין לעכטיג מקום רחבת ידים, מיט א מקוה און קביעות'דיגע מנינים ושיעורים בכל ימי החול, ובפרט די הערליכע תפלות שב"ק ומועדי השנה. ובמיוחד האבן מיר די זכי' צו האבן דעם אלוף לראשינו, הרה"ג רבי יואל האלבערשטאם שליט"א, דער רב הקהלה, וואס באשיינט דאס בית המדרש און איז מאציל מהודו אויף אלע מתפללים און אויף דער גאנצער געגנט מיט זיין כח התורה והנהגה, כה יתן ה' וכה יוסיף.

יענע ערשטע עסקנות - צו אפקויפן דאס בית המדרש - האט ווירקליך, מיט'ן אויבערשטנס הילף, געטראגן אונזער גאנצע געגנט אויף דעם קומענדיגן לעוול וואו מען שטייט היינט ב"ה.

**אז מען רעדט פון דאס בית המדרש דקהל יטב לב ד'סאטמאר אויף רינאוק גאס, לאמיר טאקע הערן א שטיקל 'אפדעיט' איבער די לעגאלע שוועריגקייטן וואס מען גייט אריבער אין די לעצטע תקופה ?**

צום באדויערן איז עס נישט בלויז די "לעצטע תקופה", ס'איז אייגנטליך "פון די ערשטע מינוט" וואס דאס בית המדרש איז געעפענט געווארן האט מען זיך אנגעשטויסן אין א הארטע רשעות'דיגע קעגנערשאפט צו יעדע טריט און שריט.

אייגנטליך, וואס דארף מען מער פון דעם פאקט, **אז דאס בית המדרש האט קיינמאל, עד היום הזה, נישט באקומען קיין סי. אוו או. פון די היזיגע ווילעזש באאמטע!** פשוט ווייל זיי ווילן נישט צולאזן דאס עצם עקזיסטענץ פון דאס בית המדרש.

פאר די זעלבע סיבה האלטן מיר מיט וויאזוי יעדעס מאל וואס מען האט פרובירט צו אריינגעבן פארלאנגען צו ארויסבויען כדי מען זאל קענען געהעריג אהערשטעלן אַן עזרת נשים און פארענדיגן די מקוה, האט די ווילעדזש קאטעגאריש אפגעזאגט יעדע סארט ערלויבעניש און האבן נישט געוואלט בשום אופן געבן קיין 'פערמיטס' דאס צו ענדיגן בויען.

נאכמער, נאך א שטיקל צייט וואס דאס בית המדרש איז ב"ה אויסגעוואקסן אלס א צענטער פאר דער געגנט, האבן מיר כאטש געוואלט פלאסטערן א שטיקל "פארקינג לאט" אויף דעם שטח הונטער דאס בית המדרש, צו פארגרינגערן פאר די מתפללים. אבער באלד וואו מען האט נאר אנגעהויבן די ארבעט, איז די 'ווילעדזש' געווארן פארמישט און דאס בית המדרש האט באקומען א הארבע "ווייעלעישן", מיט דער טענה אז דאס איז קעגן די 'ווילעדזש קאודס' וואס רעגולירט וויאזוי מען דארף באהאנדלען 'לענדסקעיפינג'.

מיר האבן אפילו פרובירט צו פועל'ן אז מיר ווילן בלויז מאכן א "בעיס באָל פיעלד", וואס דאס איז יא לעגאל אפילו לויט די ווילעדזש געזעצן, אבער עס האט גארנישט געהאלפן. די ארבעט איז אפגעשטעלט געווארן, און דאס גאנצע שטח איז פארבליבן האלב רוי און נישט אויסגעפלאסטערט ביז'ן היינטיגן טאג.

ס'איז אריבער א ווילע, און די 'ווילעדזש' האט אפיציעל גע'פיילט' קאורט פאפירן אין די סטעיט געריכט קעגן דאס בית המדרש. זיי האבן פאר דעם 'קעיס' גע'הייערט' א ספעציעלן אטורני, א לויער, וואס קאסט אָפּ פאר אונז שטייער צאלער ממון ודמים.

די קלאגע איז פארשידענע "עבירות", אריינגערעכנט אז דער שטח ווערט נישט גענוצט פאר 'רעזידענדשעל באנוץ' (וואס אגב, אין די פאראייניגטע שטאטן, ערלויבט דאס געזעץ צו עפענען א שול אויך אויף א פלאץ וואס איז געמאכט צו וואוינען, צ.ב.ש. מעג מען עפענען א

שול אינדערהיים). אנדערע טענות זענען אז מיר האבן אוועקגענומען זאמד פון דעם 'פארקינג לאט' אָן ערלויבעניש און אז מען באנוצט זיך מיט דעם בנין אָן ערהאלטן קיין סי. או או. און אזוי נאך פארשידענע לעכערליכע טענות.

עס לאזט זיך באמת נישט גלויבן וויפיל שטיינער און שוועריגקייטן זיי זענען פארנומען אונז צו שטעלן אויף יעדן טריט און שריט. עס שפירט זיך אפט ווי דער גאנצער ווילעדזש וואלט געהאט נאר איין ציל: וויאזוי צו ענג מאכן פאר'ן איד און אים אוועקנעמען יעדע מינימאלע באקוועמליכקייט און רואיגקייט.

## דאס איז דאך טאקע שאקירנד צו הערן און מיטהאלטן, וויאזוי גיט מען זיך פאקטיש אַן עצה צו באקעמפן די געריכטליכע אנקלאגעס; דאס איז דאך א מעשה פון לאנגע יארן און ריזיגע געלטער?

ריכטיג. דאס איז טאקע די טרויעריגע מציאות. מיר זענען געווען געצווינגען צו אויפנעמען אַן אדוואקאט און זיך פארטיידיגן אין געריכט, וואס ציעט זיך דערוויל שוין א לענגערע צייט, און - ווי יעדער ווייסט און ווי מיר האלטן עס מיט אויך לגבי דעם "בלומינגראוו שאטל" - די לעגאלע קאמף אין געריכט קאסט אפ זייער אסאך געלט. אידיש געלט וואס ווערט צום באדויערן פארשוועדעט פאר נארישקייט, צוליב די הארטנעקיגקייט פון די ווילעדזש באאמטע.

פארשטענדליך אז דאס איז לגמרי נישט עפעס וואס מיר זוכן. דאס בית המדרש איז נאך ווייט פון פארטיג און דא איז מען צום באדויערן פארנומען צו גיסן געלט אין דער מיסט, אידיש געלט וואס וואלט געקענט פארנוצט ווערן לפאר ולרומם בית אלקינו. ס'איז א געוואלדיגע ווייטאג.

מיר האבן שוין אומצאליגע מאל זיך געבעטן צו די ווילעדזש באאמטע אז מיר זענען גרייט זיך צו אראפזעצן פארהאנדלען און 'סעטלען' די טעמע אינדרויסן פון געריכט. מיר האבן זיי פארשפראכן אז מיר וועלן זיך צושטעלן צו זייערע פארלאנגען און טון דאס בעסטע זיי צו אקעגן קומען אז אלעס זאל זיין צופרידנשטעלן. אבער אייביג איז געקומען די זעלבע ענטפער פון זייער זייט: "וויל סי יו אין קאורט", מיר וועלן זיך זעהן אין געריכט! וויפיל מאל איך פערזענליך האב זיי געבעטן אז זיי זאלן אונז כאטש געבן א 'רעמעדי' פאר דער שול, וויאזוי מיר קענען אראפנעמען די ווייאלעיזשענס, איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן.

די ווילעדזש איז פשוט נישט אינטערעסירט זיך צו דורכקומען מיט אונז אויף א פרידליכן וועג. געלט איז דא גענוג פאר קאורט קעיסעס, דורך די שטייער געלט, און אזוי שלעפט מען אונז שוין ארום א לאנגע צייט.

## שוידערליך! וואס איז טאקע די סיבה פארוואס די ווילעדזש איז אזוי פאר'עקשנ'ט און הארטנעקיג קעגן די אידישע איינוואוינער?

די אמת'ע סיבה אונטער זייער עקשנות איז צוליב דעם וואס זיי האבן שטארקע 'פרעשור' פון פארשידענע עלעמענטן נישט צו דערלאזן אז דא זאל ווערן א אידישע געגנט. בעיקר איז דאס אזעלכע גוים וועלכע האבן זיך שוין אוועקגעצויגן פון דא, און וואוינען ניטאמאל אין דער געגנט, אבער זיי לייגן אויסטערלישע דרוק אויף די ווילעדזש באהערדע אז זיי זאלן נישט צולאזן א טויש אין דעם געגנט. דאס ברענגט צום באדויערן די אנגייענדע אפענע שיקאנירונגען וואס מיר שטייען אויס אויף טריט און שריט.

אונזער איינציגסטע האפענונג לעת עתה, איז אז בעז"ה נאך די וואלן וועלן זאכן גרינגער ווערן. מען האפט אז אין געציילטע וואכן וועט ווערן א מער פריינטליכע אטמאספערע אינערהאלב די ווילעדזש באאמטע, אזוי ארום אז מען זאל קענען ארויסגיין פון געריכט און 'סעטלען' אלע אישוס אינדרויסן אויף א נארמאלן פרידליכן אופן.

פארשטייט זיך אז אלעס איז תלוי אין דעם "כח היחיד" פון יעדע איינוואוינער אין בלומינגראוו, אויב מיר וועלן בעז"ה אריינברענגען פאסיגע קאנדידאטן, כפי הוראות הרבנים שליט"א, וועט דאס ברענגען צו א "געהעריגע" קאמיוניקאציע און א געזונטע צוזאמענארבעט. א טויש אין די אדמיניסטראציע פון דעם ווילעזש וועט ברענגען אז די אלע דרויסנדיגע עלעמענטן זאלן מער נישט האבן אזא השפעה אויף די באשלוסן פון די ווילעזש, און זאכן וועלן קענען פארן על מי מנוחות, מתוך שלום ושלוה, וואס וועט ראטעווען אזויפיל אידיש געלט און אזויפיל עגמת נפש פון דעם "הוה" און פון דעם "עתיד". הלואי!

## איר האט דערמאנט דעם געריכטליכן געראנגל ארום דעם "בלומינגראוו שאטל", וואס איז ליידער פאראקאט און אפגעשטעלט שוין לאנגע חדשים; וואס איז אצינד די סטאַטוס דערמיט?

די געשיכטע מיט'ן שאטל איז טאקע נאך א ביישפיל וויאזוי יעדע זאך וואס קען העלפן דעם ציבור ווערט געשטערט און אטאקירט אויף אַן אומגלויבליכן פארנעם. ס'איז נישטא דאס פלאץ צו פונקטליך שילדערן שטאפל נאך שטאפל, וויפיל אינטריגעס און וויפיל רשעות ס'איז אריין אין דעם זינלאזן קאמף דורך דעם ווילעדזש צו פארמאכן און אפשטעלן דעם קליינעם שאטל וואס האט קיינעם נישט געשטערט, איך וויל אבער יא אנמערקן איין נקודה וואס ס'איז כדאי אז דער ציבור זאל וויסן.


Chapter 222: VEHICLES AND TRAFFIC

§ 222-6. Commercial buses excluded; exemptions.

A. All commercial buses for hire and other coach-type buses for the carrying of passengers for hire are excluded from the use for travel or operation of all streets and highways within the Village of South Blooming Grove and/or under the jurisdiction of the Village of South Blooming Grove, except for the following streets, roads and highways:
(1) Clove Road (Orange County Highway)
(2) State Route 208 (New York State Highway)
(3) Mountain Road (Orange County Highway)

B. The following vehicles are specifically exempt from the application of this section:
(1) Buses carrying children for school, educational or recreational purposes, provided that such buses use the excluded highways for the purpose of picking up or discharging children at their respective homes.
(2) The following buses operated by the County of Orange: for Physically Handicapped and Senior Citizens (TRIPS) and Transport of Orange buses.
(3) Buses utilized for the transportation of senior citizens on organized tours, provided that such buses use the excluded highways for the purpose of picking up or discharging senior citizens at senior citizen complexes.

C. Notwithstanding the foregoing, this section shall not be construed to prevent the delivery or pickup of merchandise or other property along the highways from which such vehicles are otherwise excluded.

§ 222-7. Handicapped parking.

A. Use of permit.
(1) Any vehicle bearing handicapped parking permit issued pursuant to § 1203-a of the Vehicle and Traffic Law of the State of New York is authorized to park in any area in the Village of South Blooming Grove designated for parking for the handicapped.
(2) The Village Clerk-Treasurer shall keep a list of designated parking areas in the Village of South Blooming Grove, a copy of which can be obtained at the Village Clerk-Treasurer's office.

B. Establishment of spaces for parking for handicapped persons. The Planning Board of the Village of South Blooming Grove is hereinafter empowered to require the inclusion of spaces for handicapped parking in any site plan for the construction of shopping centers and all office uses in the Village of South Blooming Grove.

C. Use of permit by unauthorized person. Any person to whom a permit has not been issued and who shall use a permit issued pursuant to this chapter for any purpose other than parking a motor vehicle while transporting a physically handicapped person shall be guilty of a traffic infraction within the meaning of § 2220 of the Vehicle and Traffic Law.

D. Parking permit; limitations on use. A vehicle bearing such parking permit for the handicapped shall be deemed in violation of the applicable rules and regulations governing parking in the Village of South Blooming Grove when such vehicle shall be parked in a bus stop, a taxi stand, within 15 feet of a fire hydrant, a fire zone, a fire lane, a firehouse, a driveway, a crosswalk or is double parked.

E. Violation.
(1) Whenever any motor vehicle which does not bear a parking permit for the handicapped is found parked in an area designated for handicapped parking, the Police Department and/or the Building Inspector or his / her designee, code enforcement officer or his / her

**ואת דתי המלך אינם עושים... ולמלך אין שוה להניחם... לאמיר האפן בקרוב צו זוכה זיין בעזהשי"ת אז ונהפוך הוא אשר ישלטו היהודים**

דער מציאות איז אז אין נארמאלע אומשטענדן, וואלט דער ווילעדזש געדארפט אקעגן קומען מיט פאַנדן פאר אזא געדאנק פון א לאקאלע שאָטל פאר די היזיגע איינוואוינער.

אין יעדע אנדערע מוניציפאל איבער דאס גאנצע לאנד איז די אישו פון "פובליק טראנספארטאציע" איינס פון די ערשטע אישוס וואס יעדער פאליטישן באפאסט זיך. יעדער קאנדידאט וואס לויפט אויף סיי וועלכע טיקעט איז פארנומען מיט פארשפרעכונגען אז ער וועט "רידאסן טרעפיק" און צושטעלן בעסערע מאסן טראנספארטאציע פאר די איינוואוינער.

וואס דארף מען מער פון דעם פאקט אז דא אין אונזער שכינות, האט די קאונטי פון "אראנדזש קאנטי" א ספעציעלע 'גרענט' פון וואו זיי צאלן פאר פובליק טראנספארטאציע פאר אלע קלענערע געגנטער און ווילעזשעס. דוכט זיך אז אויך די באסעס אין קרית יואל ווערן טיילוויז באצאלט דורך די קאונטי.

אבער 'בלומינגראוו' איז אנדערש. וויבאלד א איד האט געעפענט דעם שאטל, מיט'ן ציל צו פארגרינגערן פאר אידישע פרויען, וועלכע דרייוון נישט קיין קארס, דארף מען דאס באקעמפן מיט אלע קרעפטן. נישט בלויז וואס דער ווילעזש העלפט עס נישט, נאר מען שטערט עס, מען קלאגט דאס אין געריכט און זיי האבן פאקטיש אויסגעפירט צו אפהאלטן און פארמאכן אזא וויכטיגע געברויך פאר הונדערטער אידישע משפחות.

## איר וואלט געזאגט אז די אלע פיסלעך און שוועריגקייטן וואס דער ווילעדזש שטעלט אונטער זענען געטריבן פון א דירעקטע אגענדע קעגן אידן אדער איז עפעס אנדערש וואס דרוקט זיי?

גוט אז איר ברענגט ארויף די נושא, ווייל ס'איז וויכטיג דאס צו אויסשמועסן, מען קען טאקע צומאל הערן די פראגע פון פארשידענע מענטשן וואס זענען נישט באקאנט מיט די מציאות הדברים און טענה'ן דעריבער אז "מען טרייבט איבער", "ס'איז נישט אזוי געפערליך", א.א.וו.

איך בין לעצטנס געזיצן מיט א גוי'אישן לויער, וועלכער וואוינט שוין דא אין דער געגנט פאר צענדליגער יארן. דער גוי געדענקט נאך אפילו די תקופה ווען קרית יואל איז געבויעט געווארן און די דעמאלטיגע קאמף פון די שונאי ישראל דאס צו שטערן און אפהאלטן.

ער פערזענליך איז גראדע א סימפאטישער מענטש וואס האט נישט קיין העסליכע געפילן קעגן אידן. האט ער מיר דערציילט די השתלשלות וויאזוי דער 'ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו' איז געגרינדעט געווארן מיט נאנט צו 15 יאר צוריק.

אונזער געגנט, וואו עס געפינט זיך היינט צוטאגס דער סאוט בלומינגראוו ווילעדזש,

איז ביז דעמאלט געווען א טייל פון די "טאון אוו מאנרא". די היזיגע אנטיסעמיטן, וועלכע האבן זיך געזארגט אז ביום מן הימים וועט קרית יואל אפשר אנעקסירן אויך דעם שטח, האבן דעריבער באשלאסן צו טון א דראסטישן שריט, זיי האבן לעגאל אריבערגעשריבן דעם געגנט פון "טאון אוו מאנרא" צו דער "טאון אוו בלומינגראוו", און דערנאך האבן זיי באזונדער געגרינדעט דעם "ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו", אזוי ארום אז עס זאל שוין נישט זיין מעגליך צו אנעקסירן דעם פלאץ פאר קרית יואל, וואס איז דן געווען אַן אנדערע ווילעזש פון אַן אנדערע טאון.

דערציילט מיר דער לויער, אז ער איז דעמאלט געווען אנוועזענד ביי די זיצונגען, וואו מען האט דיסקוסירט די פלענער און וויזיע וויאזוי צו גרינדן דעם ווילעזש מיט אזעלכע רעגולאציעס און געזעצן וואס זאל פארזיכערן אז די "חסידים" זאלן קיינמאל זיך נישט באזעצן דא. זייענדיג א לויער האט מען אים אים אויך גערופן זיך שואל עצה זיין, און ביי יענע מיטינגען איז טאקע באשלאסן געווארן צו אויסשטעלן די געזעצן דא אין ווילעדזש מיט א דירעקטע "אנטי קאמיוניטי" אגענדע, וואס פארשטענדליך אז דאס האט מען איינפאך געמיינט דעם איד.

"אנטי - סעמיטיזם" איז דאך פּאָרט נישט 'פּאָליטיקלי - קאָרעקט' און קיינער וועט זיך נישט אפן ארויסשטעלן דערמיט, אבער "אנטי - קאמיונעטי" איז א שיין - קלינגענדיגע טערמין, וואס איז בעצם די זעלבע כונה, בעסער געשליייערט.

יעדער וואס פארשטייט עטוואס צו געזעצן קען אליינס איבערקוקן די "ווילעדזש קאודס" און זיך איבערצייגן אז "רוב ככולו" פון די געזעצן וועלכע זענען באשטימט געווארן פאר דעם ניי - געגרונדעטן "ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו", האבן די זעלבע מאטא פון: "אנטי - ציבור", אנטי קאמיונעטי.

אנדערש ווי דער גוי וואס וואוינט זיך אין זיין פריוואטע 'פראפערטי' און האט נישט גארנישט מיט'ן שכן זיינער. זענען מיר אידן דאך זייער שטארק באזירט אויף א "קאמיונעטי" לעבנסשטייגער. מיר קומען זיך צוזאם דריי מאל א טאג אין בית המדרש; מיר באנוצן זיך אסאך מיט "פובליק טראנספארטאציע" ווייל אונזערע פרויען דרייוון נישט; מיר העלפן זיך ארויס איינער דעם אנדערן; מיר באטייליגן זיך ביי שמחות איינער ביים אנדערן, א.א.וו.

**די עטליכע העצער וועלכע האבן דורכגעפירט די געזעצן האבן אלזא געהאפט אז אויב זיי וועלן איינשטעלן אזעלכע שטרענגע "אנטי - קאמיוניטי" געזעצן וועט דאס אפהאלטן אידן פון אנקומען דא , און טאקע דערפאר האט דער "בלומינגראוו שאטל" געברענגט אזא אלארם ביי זיי. הלמאי, מיר האבן דאך איינגעפירט דא אזויפיל סארט רעגולאציעס און געזעצן דאס צו פארמיידן, און פלוצים "את אשר יגורנו בא"... זענען זיי טאקע ארויס אין א ביטערן קאמף דערקעגן, ליידער דערווייל מיט ערפאלג.**

ווען אונזער טייערער ידיד וידיד נפש כל חי, ר' יואל אברלאנדער הי"ו, האט גגעפענט דעם "שאטל" האבן מיר דאס צוערשט דורכגערעדט מיט לויער'ס וועלכע האבן אונז פארזיכערט אז לויט די קאנסטוטוציע פון די פאראייניגטע שטאטן זענען מיר בארעכטיגט צו עפענען אזא סערוויס פאר דער געגנט, אבער טראץ דעם אלעם איז דער ווילעדזש געגאנגען אין געריכט און שוין פארשוועדנדעט

**דער מעיאר זיך אויפגעשטעלט און "בארואיגט" די האַסער זאגנדיג: זאלט איר וויסן אז די איינציגע סיבה פארוואס איך האב זיי געגעבן דעם פערמיט, איז ווייל אזוי קען איך זיי קאנטראלירן און עווענטועל אפשטעלן.**

צענדליגער טויזנטער דאללארן! פון "אונזער" געלט, צו אפשטעלן ר' יואל על לא עול בכפו, מיט אומדערהערטע זינלאזע פארלעצונגען וואס רופט ארויס א געלעכטער ביי יעדן רעכטדענקעדיגן מענטש וואס באטראכט די אנקלאגעס.

**וכמעשהו מיט'ן בית המדרש כך מעשהו מיט'ן שאטל, אויך דא האבן מיר זיך שוין געבעטן "צענדליגער מאל" צו די ווילעדזש אפישלס, אז "מיר ווילן אייך אקעגן קומען, מיר ווילן קומען צו אַן אגרימענט אינדרויסן פון געריכט", מיר האבן זיי שוין געגעבן אלע ערליי 'אָפפערס', מיר האבן שוין פרובירט אלע ערליי בקשות ותחנונים, צו אויסארבעטן א מהלך אז עס זאל זיין צו אלעמענס צופרידנהייט, אבער דער ווילעדזש איז אנטשלאסן אונז צו 'פייטן' אין געריכט, מיט די האפענונג צו אפשטעלן די וואוקס פשוט רשעות לשם רשעות.**

**דאס איז דאך פשוט אומגלויבליך וואס איר פארציילט, הייסט עס אז דאס אלעס וואס מען גייט אריבער ווערט גאר ארקעסטרירט מיט א "כונה תחלה" צו אפשטעלן דעם "פן ירבה" און פשוט פארטרייבן די אידישע איינוואוינער ?**

יא, ליידער איז דאס אקוראט דער מציאות הדברים.

און אז מען רעדט שוין, פאלגענד איז נאך א האָר- אויפשטעלנדע קרישקעלע בשייכות מיט דעם שאטל:

כ'ווייס נישט וויפיל דער ציבור איז באקאנט אבער אין אנהויב האט דער "ווילעדזש" יא געגעבן א "פערמיט" פאר דעם באס. ס'איז דעמאלט אפילו געווען א שטיקל וואונדער ביי אונזערע עסקנים, וואס פלוצים זענען זיי אזוי גוטהארציג געווארן.

דער אמת איז אבער גאנץ שנעל ארויפגעקומען. ביי דעם קומענדיגן "ווילעדזש מיטינג" איז דער מעיאר שטארק אטאקירט געווארן דורך די העסליכע עלעמענטן וועלכע האבן אים פארשריגן פארוואס ער האט געשאנקן דעם פערמיט פאר דעם שאטל. האט דער מעיאר זיך אויפגעשטעלט און "בארואיגט" די האַסער זאגנדיג: זאלט איר וויסן אז די איינציגע סיבה פארוואס איך האב זיי געגעבן דעם פערמיט, איז ווייל אזוי קען איך זיי קאנטראלירן און עווענטועל אפשטעלן. ווייל ווען דער שאטל באקומט נישט דעם פערמיט פון דעם ווילעדזש וואלטן זיי עס געבעטן און באקומען פון די "קאונטי", וואס דעמאלט וואלטן מיר דאס נישט געקענט קאנטראלירן און עס וואלט נישט געווען אין אונזערע הענט דאס אפצושטעלן.

דאס הייסט אין אנדערע ווערטער, אז דאס גאנצע "פערמיט" איז בלויז געווען א רשעות'דיגע "היכי תמצא" וויאזוי צו פארזיכערן אז מען קען ווייטער פייניגן און דערקוטשענען דעם שאטל פאר יעדע קלייניגקייט ביז מען וועט דאס דאס אפשפארן, אזוי ווי זיי האבן טאקע געטון. (מיר האבן אין אונזער באזיץ א ווידיאו רעקארדירונגען פון יענעם ווילעדזש מיטינג וואו דער מעיאר זאגט די אויבנדערמאנטע ווערטער).

מבהיל הרעיון!

אבער די מעשה איז נאך נישט פארטיג.

לעצטנס האבן מיר דאך באקומען צוטריט צו הונדערטער ארגינעלע דאקומענטן פונעם ווילעדזש, דורך דער "פרידאם אוו אינפארמעישן" געזעץ (FOIA act), וואו מען קען כאפן א שטיקל בליק אויף די ווירטשאפט אינערהאלב דעם ווילעדזש במשך די לעצטע יארן.

איינע פון די דאקומענטן פארציילן אונז אויף א דעטאלירטן פארנעם, וויאזוי דער ווילעדזש האט געהאט א מיטינג מיט זייער אדוואקאט, וואו מען האט דוסקיסירט די פאלגענדע זארג: "וויאזוי קען מען פארזיכערן אז נישט די קאונטי, נישט די סטעיט, און נישט די פעדעראלע גאווערמענט זאל זיך נישט קענען ארייניישן לגבי דעם שאטל באס.

דער ווילעדזש האט געצאלט געלט און איז געזיצן און מטכס עצה געווען וויאזוי קען מען ערלעדיגן א טריק אן אינטריגע אז ר' יואל אברלענדער זאל נישט קענען באקומען קיין פערמיט אדער קיין גרענד פון די קאונט, סטעיט אדער פעדעראלע רעגירונגען. און אויב דאס וועט יא געשען וויאזוי מען קען דאס שטערן און אפהאלטן.

קענען מיר בכלל באגרייפן וויפיל אומרעכט דא שפילט זיך אפ אויפ'ן חשבון פון אידיש געלט און אונזערע איינפאכע רעכטן צו לעבן און עקזיסטירן רואיג און פרידליך ?

דאס אלעס קען זיך אבער בעז"ה אפשטעלן אויב נאך די וואלן וועט ארייינקומען א פריינטליכע אדמיניסטראציע. מיר האפן און קוקן ארויס אז באלד נאך די וואלן זאל זיך שוין קענען ארויסזען פון געריכט, און זיך דורכקומען מיט קעגנזייטיגע רעספעקט און מענטשליכקייט אז דער בלומינגראוו שאטל זאל שוין קענען צוריק ארייינגיין אין קראפט און סערווירן די צענדליגער נשים צדקניות וואס קוקן אזוי ארויס דערויף טאג טעגליך.

איבעריג צו זאגן אז אויב ח"ו וועלן מיר זיך נישט אצינד פאראייניגן כפי הוראות הרבנים שליט"א, דעמאלט באדייט דאס אז אלעס בלייבט חלילה ביים אלטן, די בתי מדרשים און דער שאטל וועלן דארפן זיך ווייטער ראנגלען אין געריכטליכע אנקלאגעס, און אונזער געלט וועט ווייטער גענוצט ווערן צו צאלן פאר אדוואקאטן וועלכע זאלן קעמפן קעגן אונזערע אינטערעסן. דער וואגשאל ליגט אצינד אין

די הענט פון יעדן יחיד מיט א שטים רעכט, לאמיר עס נישט פארפאסן! בידינו תלוי הדבר!

**זייער ריכטיג ר' יצחק, ס'איז די האפענונג פון אונז אלע אז עס זאל טאקע זיין "חפץ ה' בידינו יצליח" צו העלפן בלומינגראוו בלייבן א אידישע שטאט מיט אלע אידישע געברויכן.**

**אלס טייל פון אייער געבענטשטע עסקנות פאר'ן געגנט, זענט איר דאך אויך פון די אקטיווע מעמבער אינערהאלב די "חברה הצלה" פון בלומינגראוו, אויב איז שייך צו שילדערן א שטיקל איבערזיכט איבער די נאבעלע אקטיוועטעטן פון די היזיגע "הצלה" ?**

יא, איך דאנק השי"ת פאר'ן מיר געבן די זכי' צו קענען העלפן און ראטעווען אידישע קינדער אלס "הצלה מעמבער" דא אין בלומינגראוו, ווי די היזיגע הצלה פונקציאנירט ווי א סניף פון די צענטראלע "חברה הצלה דקרית יואל". אינאיינעם מיט די אנדערע געטרייע הארציגע וואלענטירן, הר"ר אליעזר שווימער הי"ו, הר"ר הערשל לעווי הי"ו, און הר"ר יושע ליבערמאן הי"ו, וואס איך דארף פאר קיינעם נישט מעיד זיין איבער זייער מסירת נפש און ווארימקייט פאר א צווייטן איד, בכל עת ובכל שעה, השי"ת זאל אודאי העלפן אז מען זאל נישט דארפן אנקומען דערצו.

גראדע אויך אויף דעם געביט פון דער "חברה הצלה" איז ב"ה דא שטארק פאזיטיווע נייעס אויף צוויי באזונדערע פראנטן, אדאנק די געטרייע ארבעט פון "יו.דזשעי. סי." לטובת הציבור.

צוערשט, איז גאנץ לעצטנס אפגעהאלטן געווארן א העכסט פראדאקטיווע זיצונג, מיט'ן פייער טשיף פון בלומינגראוו, מר. דזשאן סאלקא. וואו איך, אינאיינעם מיט'ן "באורד רעפרעזענטאטיוו" הר"ר יואל שטערן הי"ו, זענען געזיצן און ס'איז ארויפגעברענגט געווארן אן ערנסטע הצעה אז עטליכע היימישע אינגעלייט, וועלכע האבן אי. עם. טי. לייסענס, זאלן קענען אנגעשלאסן ווערן אלס אפיציעלע "פירסט רעספאנדערס" אינערהאלב די לאקאלע פייער דעפארטמענט. אזוי ארום אז - אין צוגאב צו די ביז יעצטיגע הצלה מעמבערס - זאל ווערן אויסגעברייטערט די באלדיגע הילף אז ווען מען וועט רופן 911 זאל מען קענען האבן אידישע 'פירסט רעספאנדערס' אויפ'ן ארט.

דער פייער טשיף האט אויפגענומען דעם געדאנק מיט פארשטענדעניש און מען האפט טאקע אז דאס זאל אדורכגיין ווי אמשנעלסטן וואס וועט געוויס זיין א געוואלדיגע טובה פאר די הצלחה און שמירה פון דער געגנט.

נאך א טעמע וואס איז לעצטנס אדרעסירט געווארן, און איז לעצטנס טאקע ברייט באריכטעט געווארן צווישן די שפאלטענעס פון 'דער שטימע', איז דער "אמבולאנס", אדער "דער באס", ווי עס ווערט גערופן אויף די "הצלה" שפראך.

ווען עס מאכט זיך - עס זאל זיך אודאי נישט מאכן - א "הצלה" רוף, דאן האבן מיר טאקע די "הצלה מעמבערס" וועלכע זענען תושבי העיר און קומען צולויפן אין רגעים, אבער ווען עס פעלט זיך אויס צו ברענגען אויך א "באס", דאן האט מען זיך שוין עטליכע מאל געטראפן אז מען האט געדארפט ווארטן א שיינע שטיקל צייט ביז עס איז אנגעקומען פון די שכינות'דיגע קרית יואל.

סוף כל סוף געדויערט צייט ביז א מעמבער פון קרית יואל גייט ארויס פון זיין שטוב, פארט צום גאראדזש און זעצט זיך אריין אין דעם אמבולאנס, און הערשט דאן דארף ער מאכן דעם גאנצן וועג ביז בלומינגראוו. ווי שנעל מען זאל עס פרובירן צו מאכן איז עס נאך אלץ א פראצעדור פון א 15 -20 מינוט.

ביי דער געלעגנהייט דארף מען טאקע אויסדרוקן א באזונדערן דאנק פאר די געטרייע "חברה הצלה ד'קרית יואל" וואס האט - טאקע פאר דער סיבה - צוגעשטעלט נאך א גאראדזש ביים ארויסגאנג פון קרית יואל, הארט ביים מאונטן ראוד, וואס האט פאקטיש רעדוצירט די צייט וואס מען האט געדארפט ווארטן און עס האט פארשנעלערט די צייט וואס דער אמובלאנס קומט אָן מיט עטליכע מינוט, ותשואת חן להם.

ווי פארשטענדליך איז עס אבער נאכנישט קיין פולקאמע לעזונג ווילאנג עס איז נישט דא קיין גאראדזש ממש לאקאל. די געטרייע קאמיטע פון "יו.דזשעי. סי." האט זיך דעריבער ארייגעלייגט אויך אין דעם הינזיכט, צו פארשנעלערן דאס אנקום פון אן אמבולאנס - על כל צרה שלא תבא און אוועקשטעלן א פערמענאנטע לעזונג פאר אונזער וואקסנדע עיר ואם בישראל.

ווי שוין באריכטעט מיט עטליכע וואכן צוריק איז שוין ב"ה פאראן פריע פלענער, מיט עטליכע אפציעס אויפ'ן טיש, וויאזוי צו אגאנזשירן א לאקאלע "הצלה" גאראדזש. מען האפט און מען קוקט ארויס צו קענען פראקלאמירן - אין דער גאר נאנטער צוקונפט - די גענויע דעטאלן, וחפץ ה' בידינו יצליח.

איבעריג צו באטאנען אז אזא נאבעלע פראיעקט קען בעז"ה צושטאנד קומען אויב עס וועט זיין א פריינטליכע אטמאספערע מצד די היזיגע באהערדע וועלכע וועלן דאס ערמעגליכן. דוכט זיך אז מען דארף נישט ערקלערן פאר קיינעם אז מיט די יעצטיגע אדמיניסטראציע איז נישט ממש פאראן קיין שטארקע שאנסן אז אזא זאך זאל קענען דורכגיין מיט הצלחה, השי"ת זאל העלפן אז נאך די קומענדיגע וואלן זאלן זאכן גיין צו בעסערונג, מיט די השתדלות בדרך הטבע פונעם ציבור תושבי העיר.

**צום שלוס, ר' יצחק, וואס איז אייער ווארט צום ציבור תושבי העיר, שטייענדיג אין אזא קורצע תקופה איידער די בעפארשטייענדע קריטישע 'עלעקשאנס' ?**

טייערע אידן, הרבה יותר ממה שקראתי לפניכם יש כאן. דער אמת איז אז מען קען שרייבן א דיקן ביכל איבער וואס מען איז אלץ אריבער אין דעם עבר,

> **"כהיום הזה, איז נישט פאראן "קיין איין ביהמ"ד" אין בלומינגראוו וואס פארמאגט א גילטיגע "סי אוו או"!"**

מען דארף בלויז א בליק טון אויף די פשוט'ע מציאות וואס יעדער קען זען אז: "כהיום הזה, איז נישט פאראן "קיין איין בית המדרש" אין בלומינגראוו וואס פארמאגט א גילטיגע "סי אוו או"!"

יעדע איינציגע בית המדרש וואס וויל זיך עטוואס ארויסבויען ווערט אפגעשטעלט מיט שנאה, און מקוואות וועלכע האבן שוין לאנג געדארפט זיין פארטיג שטייען נאך בעפאר אלעם צוליב רשעות'דיגע סטאפ ארדערס על לא עול בכפם. מען שטייט אין א מצב וואס ס'איז פשוט נישט במציאות פאר א אידישע בית המדרש צו ערהאלטן א פערמיט!

(במאמר המוסגר, די סאמע איינציגע בית המדרש דא אין בלומינגראוו וואס האט יא ווואונדערליך אויסגעמיטן די אלע רדיפות און איז לעגאל געבויעט געווארן איז דאס בית המדרש צאנז זמיגראד, וואס איז געבויעט געווארן בברכתו פון דעם צאנז זמיגראדער רבי שליט"א, וועלכער האט זיך שפעטער אויסגעדרוקט דערויף: "נתת ליראיך נס להתנוסס".)

אבער דאס אלעס וואס מען האט שוין מיטגעמאכט בעבר, - מיט אונזערע בתי מדרשים און מקוואות, און אונזער פשוט'ע געברויכן ווי שאטל טראנספארטאציע, הצלה, און ביליגע טעקס ראטעס - איז חלילה א 'פאָרשפיל' אויף וואס עסווארט אונז אָפּ בעתיד, אויב די יעצטיגע ווירטשאפט וועט פארזעצן אין דעם ווילעדזש אפיס ה"י.

מיר ווייסן דאך דעם כלל פון "אל תפתח פה לשטן", דעריבער איז נישט כדאי צו דערמאנען צופיל פון דעם חלק, אבער מען רעדט דא ליידער פון קלארע פאקטן און דאקומענטן, וועלכע צייגן אָן אז די העצערס זענען אצינד אנטשלאסן צו מאכן א סוף איינמאל פאר אלעמאל פון דעם אידישן ישוב דא, און זיי זענען אויסן פאר יעדן פרייז צו אפשטעלן און ענדיגן יעדע סארט מהלך וויאזוי מיר זאלן אמאל קענען דא לעבן רואיג היל"ת.

די פינסטערע גזירות זייערע ליגן שוין אויפ'ן טיש און אלע דעטאלן זענען שוין פולקאם גרייט צו אויסגעפירט ווערן חלילה. אצינדווארט זיי בלויז אויף די תקופה נאך די 'עלעקשאנס' ווען זיי האפן זיך צו צעפירן די הענט אויף א פארנעם ווי קיינמאל בעפאר, מיט אן ארקעסטרירטע וויזיע און דעטאלירטע גענויע פלאן צו אפשטעלן דעם בליענדן אידישן וואוקס און אונז צעדריקן אויפ'ן שטארקסטן פארנעם.

די קומענדיגע עלעקשאנס, דעם קומענדיגן מארש 18 למספרם, זענען נישט בלויז "נאך אַן וואל טאג" וואו מען קען יא אדער נישט זיך באטייליגן, ס'איז פשוט אונזער לעצטע פארבליבענע און ענדגילטיגע שאנס צו קענען מכריע זיין אונזער עתיד דא אין געגנט. ס'איז די לעצטע סטאנציע איידער מיר פארפאסן חלילה דעם שנעל - פארנדן באן וואס וויל אונז איבערטרעטן ח"ו! ובידינו, בלויז בידינו, איז תלוי הדבר!

מיר האפן און מיר קוקן ארויס צו השי"ת אז אין דעם פרייליכן חודש אדר, החודש אשר נהפך להם מיגון לשמחה, וואס איז מסוגל ווען מען ליידט פון גוים ווי גע'פסק'נט אין שלחן ערוך, וועלן מיר טאקע זוכה זיין צו הערן גוטע בשורות, אז עס זאל שוין נעמען א סוף צו די אלע ביטערע פראבלעמען און רדיפות קעגן אידן, מיר זאלן שוין קענען אומגעשטערט פראקטעצירן אונזער ערליכע לעבנסשטייגער, ביז מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן קיין ירושלים עיה"ק.

### אינהאלטסרייכע זכרונות, אויפרעקונגען,

# אינטערוויו

## שמועס מיט האי איש הכשרון והמעש בנש"ק
## מוה"ר משה האלפערן הי"ו
### אקטיווער און געטרייער 'באורד מעמבער' פון "יו.דזשעי. סי."

**א שמועס מיט הר"ר משה האלפרין הי"ו, איז נישט בלויז א שמועס מיט "נאך" א וואוילטעטיגער עסקן אין דער שטאט... ווייל ר' משה איז אייגנטליך די געשיכטע פון בלומינגראוו, כתרי רעין דלא מתפרשין. ר' משה איז ווירקליך דער "הוא הגבר" וואס האט באוויזן דאס אומגלויבליכע, זיך צו אהערציען ווען קיינער האט נאכנישט גע'חלומ'ט אז אין בלומינגראוו וועט זיך עפעס אנטוויקלען, און זיין דער פיאנער וואס האט אראפגעשטעלט די גרונד שטיינער פאר די ערליכע אידישע געגנט וואס מיר לעבן היינט מיט.**

**פון די ערשטע מינוט וואס ער האט זיך אהערגעצויגן האט הר"ר משה הי"ו געהאט מיט זיך א געהויבענע 'וויזיע' און א קלארע 'ציל' אז די שטאט זאל פארוואנדלט ווערן אין אן עיר ואם בישראל, א מיסיע וואס ער האט פאקטיש באגלייט און באארבעט, געטריי, באשיידן, אחריות'דיג, און אידישלעך, במשך לאנגע יארן אָן קיין אפרוה, ביז זיין טרוים איז פאקטיש צושטאנד געקומען אויפ'ן שענסטן און ערליכסטן פארנעם.**

**ס'איז אונז דעריבער העכסט אינטערסאנט צו הערן פון ר' משה זעלבסט, זייענדיג פון די בוני ומייסדי העיר וועלכער איז אויך אצינד געטריי אקטיוו אין דער עבודת הקודש פון דעם באורד פאר די טובה און די עתיד פון אונזער געגנט. זאל אונז עטוואס מיטטיילן זיינע עראינערונגען פון די "בראשית יארן" אין בלומינגראוו און זיינע פילע לייסטונגען אין לויף פון די יארן.**

## לאָמיר אביסל כאפּן א בליק אויף צוריק: ווען האט איר זיך ארויסגעצויגן אהער און וויאזוי האט זיך אנגעהויבן אייער פּערזענליכער שייכות מיט "בלומינגראוו"?

ווי דער ציבור ווייסט עס, האבן מיר ב"ה געהאט די זכי' זיך צו אהערציען מיט 8 יאר צוריק, ווען דער היימישער ציבור האט נאך נישט געוואוסט וואס דאס ווארט 'בלומינגראוו' באדייט, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה, מיר זענען געווען 1-2 אידישע משפחות אזוי אראפגעווארפן אינמיטן א פרעמדע גוי'אישע געגנט, מיט אלע שוועריגקייטן וואס דאס האט מיטגעברענגט.

איך האָב אָריגינעל געוואוינט אין באָראָ פּאַרק. כ'דארף אייך נישט פּאַרציילן, אז בארא פּארק איז א גרויסער, פּאַרנומענער שטאָט, מיט אַ געוואַלד גערודער און געפּילדער; אפּגערעדט אז ביימער און גראז זעט מען נישט דאָרט פּאַר אַ רפואה, און "רואיגקייט" געפינט נישט דאָרט דאָס פּלאץ.

כ'פלעג דעמאָלט אַרבעטן פיזיש זייער שווער דורכאויס דער גאַנצער וואָך, און אז ס'איז געקומען צו גיין דער שבת קודש, און מ'האָט נישט געקענט אַביסל דערכאַפּן זיך דעם אָטעם מיט אַביסל רואיגקייט, האָב איך אָנגעהויבן אַרומזוכן פּאַר אַ שטיל רואיג פּלאץ, וואו צו קענען אַרויספּאָרן אויף שבתים, צו קענען אויסניצן די הימלישע מתנה פון "בא שבת בא מנוחה" מיט אַביסל ריכטיגע "מנוחה".

## האָט איר תיכף געוואוסט וואו איר ווילט קויפן אייער נייעם הויז?

ניין, כ'האָב נאך דעמאלט נישט געטראכט פון גארנישט ספעציפיש - נאָר אַזויפיל האָב איך געוואוסט, אַז כ'דאַרף זוכן אַ פּלאץ וואס געפינט זיך ערגעץ נאָענט צו איינעם פון די עקזיסטירנדע ישובים, ווייל אז מ'וויל פאָרן וועכנטליך אויף שבת, קען מען דאָך נישט זיין אין קיין מדבר; מ'דאַרף האָבן אַ מנין, אַ ביהמ"ד, אַ מקוה און אַזוי ווייטער.

דערצו זוכט מען דאך אז ס'זאל זיין אַן ערליך אויסגעהאלטן פּלאץ, וואו מ'זאל קענען נעמען די קינדער, און מ'זאָל קענען הנאה האָבן אויף הונדערט פּראצענט בעז"ה.

זוכנדיג אין אלע זייטן אזא סארט זאך זענען מיינע אויגן געפאלן אויף "בלומינגראָוו". עס האט שוין דעמאלט געוואוינט דא מיין חשוב'ער שוואגער, הרב ר' יואל וואגשאל שליט"א מיט זיין ברודער, וועלכע זענען למעשה געווען די ערשטע נחשונים צו באזעצן דעם געגנט נאך איידער עמיצער האט אמאל געקלערט אז דא וועט עפעס ווערן.

כ'האָב געהאַט געהערט דא און דארט שמועסן, אז ס'מאַכן זיך גאַנץ-גוטע דיעלס אין בלומינגראָוו, ס'איז ממש נעבן קרית יואל, נו, האָב איך געקלערט, אַז דאָס דאַרף זיין אינטערעסאנט פּאַר מיר אלס פּאסיגע פּלאץ וואו צו קויפן אַ הייזקע וואו צו קענען אַרויסקומען פון צייט צו צייט.

כ'בין ארויסגעפּאָרן מיט מיין משפּחה דאָס אויסזוכן, ומצאתי את שאהבה נפשי! ס'האט מיר תיכף געכאפּט דער געגענט. איבער אַלעם איז מיר זייער געפאָלן דער פּאַקט, אז ס'איז דארט פארהאן שיינע גרויסע הייזער מיט שטחים אַרום, רואיג און געשמאק, קיינער באַדערט נישט, אָן קיין גרויסע שטאָקיגע געביידעס, און דערצו איז עס אין "וואָלקינג דיסטענס" פון דעם עיר ואם בישראל קרית יואל. נו, וואָס קען זיין בעסער?

אומר ועושה, כ'האב מיך אריינגעלייגט דערין און ב"ה אפגעקויפט אַ הויז, עס איבערגעבויעט אַביסל, און גרייט געמאַכט צו קענען אָנהייבן אַרויסקומען אויף שבתים.

## איז למעשה דער הויז וואס מ'האט אפגעקויפט דעמאלט געווען בלויז מיט'ן ציל צו וואוינען אויף שבתים?

יא, אבסאלוט! נישט געווען דעמאלט נאך קיין קלער בכלל פון בלייבן דא וואוינען. מיר האבן געוואוינט אין בארא פארק, די קינדער זענען דארט געגאַנגען אין די מוסדות, און דא זענען מיר ארויסגעקומען בלויז צו ווילן אויף די שבתים.

די שבתים זענען טאַקע געווען עפעס אויסטערליש געשמאַק. רואיג, לופטיג, אַ ריכטיגע מנוחה. דערצו, זענען מיר אלץ א שפּאַן אוועק פון קרית יואל, דאַווענען, מקוה, איז מען אַריבער אַהין, און דעם איבריגן שבת געהאט רואיג פאר זיך, מיט דעם גרעסטן מאָס מנוחת הנפש. די גאַנצע משפחה האָט עפעס מורא'דיג ליב באַקומען.

## נו, אז מ'האָט אַ "שבת הויז" ווען איז געקומען די החלטה אז מ'גייט זיך דאָ אַרויסציען קיין קרית יואל אויפ'ן גאנצן יאר?

אז עס איז דורך אַ גאַנצער קיילעכיגער יאָר וואס מיר האבן כמעט נישט פארפעלט קיין שבת אין בלומינגראוו, האבן מיר ערנסט אנגעהויבן קלערן: אז ס'איז דא אזא רואיג געשמאק פלאַץ, מיר גלייכן עס, די קינדער גלייכן עס - נו, וואס פעלט זיך אויס צוריקצופאָרן אויף אינמיטן די וואָך קיין בארא פארק, ווען מיר קענען דא פארבלייבן וואוינען געהעריג און הנאה האבן פון דער רואיגקייט אינמיטן דער וואך אויך...

נאָכ'ן איבערטראַכטן און איבערשמועסן האָבן מיר טאַקע געפאַסט דעם באַשלוס: מיר גייען מאכן 'בלומינגראוו' אונזער היים-אָרט פאר'ן גאנצן יאָר בעז"ה! מיר האבן געזוכט א רואיגע וואוינארט פאר זיך און דאָס האָט אויסגעזען ווי די בעסטע און געשמאַקסטע אפּציע פאר אונז פערזענליך.

מה' מצעדי גבר כוננו, פון הימל האט מען מיך ב"ה געגעבן די זכי' צו אנגרייטן אט דעם באדן וואס איז היינט באזעצט מיט הונדערטער אידישע קינדער, כה יתן ה' וכה יוסיף.

## ווען למעשה האט איר זיך ארויסגעצויגן קיין בלומינגראוו?

דאס איז געווען גענוי אכט יאר צוריק, תשע"ב, אויף יום טוב פסח.

דעמאָלט, אומגעפער א וואך בעפאר יום טוב, האבן מיר זיך ארויסגעצויגן בשעה טובה ומצלחת, אלס גאנץ יאריגע פולקאמע "תושבי בלומינגראוו".

נאך פסח קומט דאָך זומער און נאטירליך איז דאָך זומער נישטאָ געשמאַקערס ווי זון, גראָז און ביימער. האבן מיר זיך טאַקע ממש מחי' געווען - אזא הרחבה און הרווחה, אויסערגעוועהנליך.

## איז אלעס טאַקע געווען אין בעסטן אָרדענונג, אדער אין אנהויב האט מען זיך נאך געמוטשעט?

קיין בתי מדרשים איז נאכנישט געווען דא, און קיין מנין אודאי נישט, דעריבער האט איך יעדן שב"ק אריינשפאצירט קיין קרית יואל, דריי מאל אהין און צוריק צו דער עצי תמרים געגנט, וואו מען האט געדאווענט אין די ארטיגע בתי מדרשים. דאס איז א שפאציר פון א 10- 15 מינוט יעדעס מאל, אין די שניי און די רעגן און אין די קעלט אבער דאס הרחבת הדעת איז נאָך אַלץ ווערד געווען אַסאָך מער!

כ'געדענק ווי מענטשן פלעגן מיר ממש פארהאלטן צי איך בין משוגע געווארן אז איך האב אויסגעקליבן אזא מאדנע לאקאציע וואו צו וואוינען... א פלאץ וואו מען דארף קלעטערן אזויפיל צייט צו דאווענען שבת מיט מנין. אנדערע האבן אפילו געהאט טענות כאילו מען גייט וואוינען אין פארשטיפטע מקומות ווייל מען וויל חלילה אנטלויפן פונעם ציבור... אבער איך האב שוין דעמאלט געשפירט אז דא וועט אי"ה זיין א גרויסע עתיד פאר'ן ציבור.

## און וויאזוי איז געווען אינדערוואכן, דעמאלט איז מסתמא נישט געווען קיין פראבלעם מיט בתי מדרשים ?

אינדערוואכן איז טאקע אלעס נענטער מיט'ן קאר אבער מען האט זיך יא געפלאגט מיט טראנספארטאציע פאר די קינדער צו די מוסדות.

די גאנצע בלומינגראוו איז נאך דאן געווען א ווילד-פרעמדע געדאַנק, און די מוסדות האבן נאך נישט צוגעשטעלט קיין טראנספארטאציע, זייענדיג א שטיקל אומוועג.

דעריבער זענען מיר אין יענע צייט געווען געצוואונגען זיך צו באנוצן מיט'ן 'שארטקאט' צו 'מאונטען דרייוו'. דאָרט האָט מען אַרויפגעשטעלט די קינדער אויף די באָסעס און שפעטער נאָכמיטאָג צוריק אפגענומען אַהיים.

אין אנהויב איז דאס געווען א שטארקע אפקומעניש, ווייל אויף'ן וועג פונעם 'שארטקאט' האט געוואוינט א גוי מיט א גרויסן הינטל, פון וואס די קינדער האבן מורא געהאט און מען האט זיי געדארפט יעדעס מאל באגלייטן דעם גאנצן וועג. שפעטער איז עטוואס לייכטער געווארן ווען הרה"ח ר' אלימלך דייטש הי"ו, האט אונז געהאלפן אז מיר זאלן גיין דורך זיין שטח און האט אויך אפגעשמועסט מיט די גוים אז זיי זאלן אונז נישט שטערן.

דאס פלאסטערן דעם שארט קאט איז געווען א באזונדערע הוצאה, וואס מיר האבן צעטיילט צווישן זיך, מיט מיין שוואגער הרב ר' יואל שליט"א ואחיו, זייענדיג די 3 איינציגסטע אידן אין דער געגנט האבן מיר אליינס געדארפט באצאלן די קאסטן צו האבן א שטיקל געהעריגע דורכגאנג אז מען זאל דארט קענען דורכשפאצירן ביז מאונטן רד.

למעשה איז עס נאך אלץ געווען אן אומוועג פאר די באס דרייווער'ס, און מיר האבן זיי טאקע שטענדיג אינזין געהאט צו געבן באזונדערע 'טיפס' אז זיי זאלן מסכים זיין צו קומען צו 'מאונטן ראוד'. איך דערמאן זיך אז די נורסערי באסעס זענען דעמאלט אינגאנצן נישט געפארן אויף דעם וועג פון 'מאונטן רד", איז דעמאלט געווען דער מנהל פון דער תלמוד תורה ויואל משה, הר"ר יואל אברהם כ"ץ שליט"א, וואס האט יעדן טאג אינזין געהאט צו נעמען א קאר און אהיימברענגען מיין יונגל ביז צו דער 'שארטקאט' שלא על מנת לקבל פרס. זאל אים דער זכות אודאי באשטיין.

שפעטער, ווען עס איז שוין געווען נאך געציילטע משפחות, האבן מיר פרובירט צו ערלעדיגן אז די 'וואשינגטאנוויל' סקול זאל צושטעלן באסעס פאר אונזערע קינדער, אבער דאס האט זיך נישט גוט געהעריג אויסגעארבעט, ווייל זיי האבן געהאט זייערע גוי'אישע רעגולאציעס און ווילדע דרייווערס, וואס איז נישט געווען קיין תועלת פאר די קינדער.

מען איז אסאך אריבער ביז מען האט ב"ה אדורכגעבראכן דעם פראבלעם און מען אהערגעשטעלט דעם היינטיגן סיסטעם ווען די באסעס פארן ב"ה א מחי' פאר אלע מוסדות און אין אלע געגנטער לשם ולתפארת.

## לאָמיר גיין פאָראויס און הערן, ווען האט זיך אנגעהויבן אויסקאָכן די זאך און גיין צו דער נעקסטער פאזע?

וואוינענדיג דאָ, ווי מער איך האָב צוגעזען די זאַך פונדערנאָענט, האב איך מיך אנגעהויבן איבערצוקלערן, אז דא מוטשעט מען זיך אין קרית יואל מיט א דירות מאַנגעל, מ'מוטשעט זיך אין שטאט מיט א דירות מאנגעל, און דא, אַ שפּאַן אוועק, שטייט ברייט אָפן אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט, אין אַ הערליך-רואיג פלאץ, גענוג נאָענט צו קענען געניסן פון קרית יואל, און גענוג פריוואַט צו קענען הנאה האָבן פון הרחבת הדעת, איז פארוואס זאל נישט דאָ ווערן אַ געהעריגער ישוב?...

איך האב מחליט געווען אז מען דארף זיך דא ארייַנוואַרפן מיט אלע כוחות צו העלפן אז אידן

זאלן דא קומען וואוינען, עס זאל זיין א לעזונג פאר קינדער געבענטשטע משפחות וואס דארפן רואיגקייט און מנוחת הנפש.

דעמאלט האב איך זיך אריינגעלייגט - מיט חשוב'ע שותפים לדבר מצוה - צו אפקויפן אלטע הייזער וואס קיינער האט נישט געוואלט אפילו קוקן דערויף, פארלאזטע ליידיגע הייזער וועלכע זענען שוין געשטאַנען צווישן 5 און 8 חדשים אויף סעיל און ס'האט נישט געהאט קיין קונים. די הייזער האט מען איבערגעפרישט און ארויסגעשטעלט אויף די מארקעט מיט דער האפענונג אז אידן וועלן זיך צוכאפן דערצו.

ס'איז אבער נישט געגאנגען אזוי גרינג. אין די ערשטע זמנים האט קיינער נישט געקוקט אפילו אין דעם ריכטונג. ס'האט זיך נישט געהערט עפּעס אינטערעסאַנט, מענטשן האָבן געצויגן מיט די פּלייצעס און געהויבן ברעמען "ב ל ו מ י נ ג ר אָ ו ו"? ס'האָט עפּעס געקלינגען ווילד-פרעמד, ווי אַ פאַנטאַזיע...

די דירות זענען טאקע געשטאנען נאנט צו 12 חדשים ליידיג, ביז מען האט דאס ענדליך געקענט פארדינגען פאר אידישע טענענטס. אין די ערשטע זמנים, האָבן מיר איבערגעבויעט און אריינגעלייגט געלט, און דערנאך אַריינגעלייגט משפּחות דערין וואו מיר האָבן פאַרדינט ווייניגער ווי די השקעה, און פּשוט דערלייגט געלט דערויף!

איך האב די גאנצע צייט געוואוסט אז ווען מ'וויל אויפטון קען מען נישט קוקן אויף קיין געלט, און אויב זעט מען דאָ אַז ס'קען זיין אַן עתיד, דאַרף מען זיין גרייט צו דערלייגן, אַבי מ'זאָל עווענטועל קענען אַרויסהעלפן משפחות צו קענען צוקומען צו הרחבת הדעת אין זייער מוטשעניש מיט'ן דירות-מאַנגעל.

איך געדענק נאך ווי היינט די שמחה ביי די ערשטע 'סעיל' וואס איך האב געהאט. דאס ערשטע הויז וואס מיר האבן די זכי' צו פארקויפן פאר א איד, דאס איז געווען מיט 5 יאר צוריק, שבת בראשית תשע"ה לפ"ק.

דאס הויז איז אפגעקויפט געווארן דורך א איד וועלכער האט געוואוינט אין קרית יואל, נעבן די דעעש רד, וואס מען האט דעמאלט געפלאסטערט, און ער נישט געקענט זיך צוגעוואוינען צו די גאנצע טרעפיק נעבן זיין הויז.

אויף יענע סעיל האב איך ניטאמאל געמאכט קיין איין דאללער, ווייל די פרייז פאר'ן אפקויפן און רענאווירן דאס הויז איז געווען מער פון די גאנצע רויח, אבער איך האב געשפירט אז דאס איז אסאך מער חשוב'ער פון געלט, צו העלפן אידישע קינדער לעבן מיט א הרחבת הדעת על מי מנוחות.

## איינמאל איר האט פארקויפט די ערשטע עטליכע הייזער, וויאזוי האט זיך די זאך א רוק געטון פאָראויס?

איינמאל מיר האבן פארקויפט די ערשטע עטליכע הייזער, האט שוין די זאַך באקומען אַ געוויסע אפיציעלקייט - בלומינגראוו איז געוואָרן אַ פאַקט!

מענטשן האָבן געזען, אַז דאָס איז נישט עפּעס אַ חלום, נישט אַ סאָרט ווייטער טרוים, נאר א מציאות, אַ פאַקט! עס מאַכט זיך אַ פרישע געגנט ,און מ'האָט זיך אָנגעהויבן צו באציען דערצו מיט אַן ערנסטקייט.

ווי נאָר די ערשטע פּאָר אייגנטימער האָבן געקויפט ביי אונז, האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַן אינטערעסע אויך צו קויפן אויף דער אנדערער זייט בלומינגראָוו - די "ווירזשיניע" געגענט, און עטליכע היימישע משפחות זענען אַריין אין קאָנטראַקט און געקלאָוזט בשעה טובה ומצלחת.

אַזוי האָט עס צוביסלעך אָנגעהויבן ווערן שטערקער און שטערקער.

מענטשן זענען געקומען, מ'האט זיך אומגעקוקט, און צוביסלעך האָבן הייזער אָנגעהויבן "גיין".

## ווען האָט זיך אָבער אָנגעהויבן דער ריכטיגער "שוואונג", אַז דער מאַרקעט איז געוואָרן "הייס" און מענטשן האָבן פעסט אָנגעהויבן קויפן?

דאָס איז געוואָרן דעם נאָכפאָלגענדן זומער - תשע"ו. אין די זומער-וואכן איז דאָס פלאץ מורא'דיג שיין; די גראָז, די ביימער, די פּאַנאַרעמעס, אין בלומינגראָוו, איז עפּעס נישט פּשוט. ווען איינער קומט אהער, ווערט ער ממש באַצויבערט פון דער רואיגקייט און געשמאַק.

דעמאלט איז דער שוואונג אַריין אין אַן ערנסטן קראַפט. מענטשן זענען געקומען טעגליך דאָס פלאץ איז געפאָלן, און מ'האָט אָנגעהויבן הערן יעדן טאָג פריש, נאָך אַ הייזקעלע פאַרקויפט, נאָך אַ משפּחה קומט אַרויס. - נישט בלויז מ'האט "געהערט", נאָר מ'האָט אָנגעהויבן "זען" די מאווינג-טראָקס, ווי זיי ברענגען נאָך אַ פאַמיליע, נאָך אַ משפּחה, אַלע מיט פרייד און גליק, אז ענדליך גייט מען שוין אָנהייבן לעבן מיט הרחבת הדעת, רואיגקייט, מנוחת הנפש און געשמאַק!

דאָס איז אין קורצן וויאזוי בלומינגראָוו האט אָנגעהויבן בליען בסייעתא דשמיא - אַ בליה, וואס וואקסט און מערט זיך מיט יעדן איינציגסטן פארבייגייענדן טאָג!

דאס איז אבער נישט אנגעקומען לייכט. ס'איז געווען א וויזיע וואס האט אין אנהויב אויסגעקוקט ווי א שיינע חלום אבער איך בין געווען זיכער אז בעזרת השי"ת וועלן מיר זוכה זיין דאס צו דורכשטופן.

איך האב זיך דעמאלט אריינגעלייגט ראשו ורבו אין דעם אונטערנעמונג צו העלפן אידן אהערקומען וואוינען. עס האט אפגעקאסט עפרות זהב צו אפקויפן און רענאווירן פולקאם הייזער, עס זאל זיין פאסיג פאר אידישע משפחות, און אסאך פלאג מיט הארעוואניע, ביז צוביסלעך צוביסלעך האט מען געזען ווי דער חלום הייבט אָן ווערן א רעאליטעט.

דאן איז אויך געגרונדעט געווארן די 'בלומינג ריעלטי' פירמע, אינאיינעם מיט מיין שותף הרה"ח מו"ה אליעזר יחזקאל שווימער הי"ו, וואס איז ב"ה פארוואנדלט געווארן אלס די ערשטע אדרעסע פאר אידן וועלכע זוכן צו קומען וואוינען על מי מנוחות, און ווערן באגלייט געטריי און קראנט ביז די לעצטע שטאפל פון קויפן אדער דינגען א הויז.

## וויאזוי האבן די ווילעדזש באאמטע געקוקט אויף די נייע איינוואוינער?

ס'איז אינטערסאנט צו באמערקן אז אין אנהויב האבן מיר כמעט נישט געהאט קיין פראבלעמען. די דעמאלטיגע באהערדע האבן נישט ווייט אזוי געהאט קיין פראבלעם מיט אונזער עקזיסטענץ, ווילאנג מיר האבן זיך צוגעשטעלט צו די געזעצן און רעגולאציעס פון דעם ווילעדזש.

זיי האבן פשוט נישט געהאט קיין שום ידיעה אין אונזער לעבנ'ס שטייגער, דעריבער האט זיך צומאל געמאכט מיספארשטענדעניש, צ.ב.ש. איז פאר זיי געווען א נייע באגריף אז מיר דארפן צוויי סינקס אין דעם זעלבן קאך. איך האב זיי געגעבן צו פארשטיין אז איינס איז פאר מילכיג און איינס פאר פליישיג, אבער זיי האבן מיך נישט געגלייבט ביז זיי האבן דאס "געסירטשט" און טאקע באשטעטיגט אז יא... אידן באנוצן זיך מיט צוויי באזונדערע סינקס.

דאס זעלבע האבן זיי צוערשט נישט געלאזט מאכן קיין באזונדערע "פסח קאך" אין די בעיסמענט, ווייל זיי האבן דאס באטראכט ווי א באזונדערע אפטיילונג פאר נאך א מענטש וואס וויל דא קומען וואוינען, וואס איז אומלעגאל לויט די געזעץ פונעם ווילעדזש. עס האט גענומען צייט ביז איך האב זיי ערקלערט און אויפגעוויזן אז דאס איז בלויז פאר 8 טאג אין יאר און ב"ה אז זיי האבן עס אויפגענומען מיט פארשטענדעניש. מען האט געקענט ארבעטן מיט זיי.

דאס ערשטע מאל וואס איך האב זיך באגעגנט מיט די היזיגע "בילדונג אינספעקטאר" איז געווען ביי איינס פון די סאמע ערשטע הייזער וואס איך האב איבערגעבויעט. דאס איז געווען א גאר אלטע דירה אין זייער א שוואכע צושטאנד. מען האט עס אנגעפאנגען צו רייניגען, צענעמען די ווענט און די פלאר'ס און אריינלייגן אין א גרויסן קאנטעינער, אבער זייענדיג נאך רייף אין די ליניע האב איך נישט ארויסגענומען קיין געהעריגן פערמיט.

אזוי אינמיטן די 'דעמאלעזשינג' ארבעט איז

די אינספעקטאר אנגעקומען און זעהנדיג וואס דא גייט פאר איז זי ממש ארויס פון די כלים און אנגעהויבן שרייבן "ווייעלעישענס" בכל חומר הדין אויף יעדע סארט פארלעצונג וואס זי האט נאר געקענט טרעפן.

איך בין צוגעגאנגען צו איר און געהערט אירע טענות, און כ'האב איר אפילו זייער גוט פארשטאנען. כ'האב דעמאלט אויפגעמערקט אז זי דינט פשוט אויף די פאזיציע און זי דארף זיכער מאכן אז מענטשן בויען לעגאל און מען פאלגט אויס די פארשריפטן. דאס איז איר ארבעט, איר דזשאב, און עס האט נישט קיין פשט צו זיך קריגן. אויב מען באציעט זיך מיט'ן פולסטן רעספעקט און מען שמועסט זיך אויס אז מען וויל אינגאנצן נישט ארייננגיין אין קיין געפעכט דעמאלט איז זי גראדע זייער סימפאטיש און מען קען בעז"ה דורכקומען.

איך האב ביי יענע אינצידענט זיך אויסגעלערנט אז מען דארף זיך פשוט צושטעלן און איר צייגן א פארשטענדעניש אז מען וויל אויך בויען געזעצליך און נארמאל. מיט אט דעם מהלך האט מען ב"ה מצליח געווען אז זי זאל נישט שטערן און לאזן בויען און רענאווירן הייזער, פארשטענדליך אז דערפאר דארף מען טאקע פארזיכערן אז אלעס ווערט געבויעט געווג "סעיף", לויט די פארשריפטן.

און טאקע באלד נאך יענע געשיכטע האב איך געהאט די זכי' צו בויען די ערשטע מקוה טהרה אין דער געגנט, וואס האט אוועקגעשטעלט דעם ערליכן און אידישן כאראקטער פון אונזער הערליכע געגנט.

ס'איז דעמאלט געווען דער איש חי ורב פעלים, הרה"ח ר' מענדל הכהן ראזענבערג הי"ו, וועלכער האט געקויפט דא אַ הויז, און תיכף אָנגעהויבן טוען "הלכה למעשה" צו העלפן מרבה זיין טהרה בישראל, אינאיינעם מיט זיין חשוב'ן זון, ההולך בדרכי אביו, מיין חשוב'ער ידיד האברך היקר מוה"ר פישל ראזענבערג הי"ו, וועלכע האבן זיך ארייגעוואָרפן מיט'ן גאנצן הארץ צוצוהעלפן פאַר טהרת ישראל.

מיר האבן נישט געוואלט ארייגעבן דאס ווארט "מקוה" נישט צו ציען קיין איבעריגע אויפמערקזאמקייט, דעריבער האט מען אין די אפיציעלע פערמיט ארייגעשריבן אז מיר ווילן מאכן א פריוואטע SPA... אבער פארט האבן מיר זיך אנגעשטויסן אין פראבלעמען ווען מען האט געוואלט גיסן דעם בור טבילה, ווייל איך האב ארייגעברענגט א ריזיגן "פאמפ" טראק צו העלפן די ארבעט, אבער די באהערדע זענען אלע אנגעקומען און געזאגט אז אזא גרויסע מאשינעריי, וואס וועגט אזויפיל צענדליגער טויזנט פונט, קען נישט פארן אויף די ווילעדזש ראודס.

איך געדענק ווי מיר זענען געווען גרייט צו גיסן די מקוה אבער עס זענען געשטאנען אויסגעשורה'ט אויפ'ן ראוד די פאליציי טשיף, דער פייער טשיף, דער דעמאלטיגער מעיאר, די בילדונג דעפארטמענט א.א.וו. וואס האבן אונז געוואלט אפהאלטן פון גיין ווייטער און פארמאכן דאס פלאץ.

דעמאלט האב איך געזען די סייעתא דשמיא אז איך האב שוין געהאט גוטע באציאונגען מיט די "בילדינג אינספעקטאר" פון די פריערדיגע פעלער, אזוי ארום האב איך געהאט אן אוזן קשבת און איך האב ערקלערט אז א "צעמענט טראק" וואס איז אנגעפילט מיט צעמענט וועגט דאך דאפלט פון דעם פאמפ טראק, און אויב עס איז ערלויבט צו פארן דא מיט א צעמענט טראק דאן דארף מען אויך געבן ערלויבעניש פאר'ן פאמפ טראק... ב"ה אז די ווערטער זענען אויפגענומען געווארן מיט פארשטענדעניש ווייל זי האט פארשטאנען אז איך מיין נישט קיין שלעכטס און מיר זוכן נישט צו מאכן פראבלעמען, זיי זענען זיך אלע צעגאנגען רואיג און אזוי האט מען טאקע באקומען די נויטיגע ערלויבעניש און געקענט בויען די מקוה.

ומחיל אל חיל, דערנאך האב איך טאקע זוכה געווען אויך צו גיסן און אהערשטעלן דעם מקוה פון בית המדרש מאורות נתן ראדאוויץ, אויפ'ן זעלבן אופן. וואס ווערט ב"ה באנוצט ביז'ן היינטיגן טאג דורך אלע ארומיגע תושבים מדי שבת בשבתו.

בדרך אגב, איז אינטערסאנט צו דערמאנען, אז די אינספעקטאר האט מיך שוין דערציילט צענדליגער מאל פארוואס זי האט אזא פארשטענדעניש צו אידן, ווייל זי האט געהאט אן אלטע מוטער, וועלכע האט געוואוינט אין מאנסי, און ווען זי איז געווען קראנק האט זי אייביג געדארפט האבן איינע פון די קינדער זאלן איר באגלייטן און צוהעלפן. האט אמאל פאסירט אז ס'איז געווען א גרויסע שניי און קיינער פון די קינדער האט נישט געקענט קומען, אבער א אידישער שכן, וועלכער האט געוואוינט דערנעבן, איז אריבערגעקומען און געהאלפן איר מאמע! זינט דעמאלט האט זי א געפיל פאר אידן, ווען זי האט א "טראסט" אז מען גייט איר נישט ארייגלייגן אין קיין פראבלעמען, און מען וועט בויען סעיף און געזעצליך.


ר' משה מיט ר' פישל ב"ר מענדל ראזענבערג באאבאכטן די ארבעט

## לאמיר א ווײלע צוריקגיין צו די "בראשית יארן" אין בלומינגראוו; וויאזוי איז געגרונדעט געווארן די ערשטע בתי מדרשים אין דער געגנט ?

די סאמע ערשטע בית המדרש דא אין בלומינגראוו איז געווען ביי אונז אויף דער קינגסוויל גאס, ווי שוין ערוועהנט אין דעם שמועס פארגאנגענע וואך אין דער שטימע פון מיין שוואגער הרב יואל הי"ו. דאס איז געווען נאך גאנץ אנהויב ווען אין די גאנצע געגנט איז קוים געווען א מנין אידן.

שפעטער ווען מען האט זיך ב"ה אנגעהויבן צו אויסברייטערן און מער אידן האבן זיך באזעצט דא, האב איך זיך באלד ארייגעווארפן צו אהערשטעלן א געהעריגע בית ה' וואס זאל זיין פאסיג פאר'ן ציבור. מיט די הילף פון הרה"ח רבי מענדל הכהן ראזנבערג הי"ו ובנו הר"ר פישל הי"ו, האט מען ב"ה אין יענע תקופה, נאך פסח תשע"ו, געעפענט דער צייטווייליגער ביהמ"ד אויף "דאַלאַס". אַ חשוב'ער איינוואוינער, מוה"ר יואל זיגעלמאַן הי"ו, האָט מנדב געווען זיין בעיסמענט אויף פראוויזאריש, ווילאנג מ'וועט אהערשטעלן אַן אייגענעם געהעריגן ביהמ"ד.

אינאיינעם מיט ר' מענדל האבן מיר דעמאלט איינגערישט אַ ביהמ"ד ממסד ועד הטפחות, און מ'האט איינגעמאלדן פאר אלע תושבים אז אויף שבת קודש וועט זיך עפענען דער ביהמ"ד. כ'האב זיך פארבינדן מיט אן אייגנטומער פון א ספר תורה, וועלכער האט מסכים געווען אַריינצושטעלן דעם ספר ביי אונז אין ביהמ"ד, אָבער נאר בתנאי, אז ס'פארמאגט אַ גוטן "סעיף", און ר' מענדל האט טאקע אינסטאלירט א נייעם סעיף, א הערליכע פרוכת, אן עמוד מיט א באלעמער לכבודה של תורה.

עס ליגט נאך גוט אין די ביינער וויאזוי די ערשטע וואך פרייטאג צו נאכטס, מ'איז אנגעקומען אין ביהמ"ד, איז שוין געווען "סידורים", "חומשים", און אַ סעט "דברי יואל", ווי ס'פאסט זיך פאר א סאטמארער ביהמ"ד . דער עולם האָט זיך ממש מחי' געווען!

קיינער פון די ערשטע מתפללים וועט נישט פארגעסן "דעם ערשטן שבת". עס האט זיך געשפירט עפעס אזא דערהויבנקייט. יעדער האט געהאט די

הרגשה, אז דאס איז א היסטאָרישער מינוט! אַ שמחה האט אלעמען אַרומגענומען. מ'האט זיך ארומגעקוקט און געזען דעם פולן מנין, איידעלע, ערליכע, היימישע, חסיד'ישע יונגעלייט, כולם אהובים וברורים, האט זיך נישט געקענט גלייבן אז מ'האלט שוין ב"ה דא!

גלייכצייטיג האב איך די גאנצע צייט געטון פעולות און געארבעט צו אהערברענגען נאך רבנים וואס זאלן עפענען בתי מדרשים פאר'ן ציבור. עס זאל זיך ווירבלען דא א אידישע שטאט ווי מיר לעבן עס ב"ה מיט אצינד.

איך בין דעמאלט אריבערגעפארן קיין וויליאמסבורג, צום שטוב פון הגה"צ רבי יצחק מרדכי מייזעלס שליט"א אבד"ק ראדאוויץ, און אסאך מפציר געווען אז דער רב זאל זיך אהערציען. איך האב אפילו איינמאל אהערגעברענגט דעם רב, אינאיינעם מיט די רעבעצין תחי', זיך צו אומקוקן אויף דער געגנט, און אזוי אויך צוגעשטעלט דאס הויז און דאס דערנעבענדיגע בית המדרש, עס זאל טאקע זיין אין א מיטל- פונקט לאקאציע, מיט א באקוועמע "וואלקינג דיסטענץ" פאר אלע ארומיגע גאסן.

דאס זעלבע האט זיך דעמאלט געפאדערט א ספעציעלע מהלך וויאזוי צו ארויסבויען דאס בית המדרש ראדאוויץ און די מקוה, וואס מ'האט ב"ה דורכגעפירט פאר די תועלת פון דער געגנט.

אט די אלע פעולות האבן טאקע געפירט דערצו אז היינט צוטאגס, בלויז עטליכע יאר שפעטער, איז אונזער געגנט א ריכטיגע עיר מלאה חכמים וסופרים, מיט אזויפיל קהלות קדושות און בתי מדרשים, אין שפיץ פון די חשוב'ע רבנים שליט"א, וואס באשיינען אונזער געגנט איש על מחנהו ודגלו. איך דאנק השי"ת אז במשך די יארן האב איך געהאט די זכי' צו שטיין לימין און בפועל ארויסהעלפן דאס אפקויפן און אויפבויען פון כמעט אלע בתי מדרשים און מקוואות אין דער שטאט, שלא על מנת לקבל פרס. דאס איז פשוט געווען מיין חלום פון דער ערשטער מינוט, אז יעדער סארט היימישער איד זאל זיך טרעפן דאס פלאץ, יעדע קבוצה און יעדע קהלה זאל זיך דא געפינען זייער באקוועם ווינקל.

## אצינד אויפ'ן ווילעדזש פראנט; זייענדיג שוין לאנגע יארן אין די היזיגע ריעל עסטעיט מארקעט, וויאזוי זעהט איר אז די העצע קעגן אידן זאל אפעקטירן בפועל דעם יחיד און דעם ציבור ?

למעשה, מיט די פארבייגענדע צייט, ווען אידן האבן זיך אנגעהויבן באזעצן דא אין גרויסן, האט מען אנגעהויבן שפירן אויף טריט און שריט דעם "עשו שונא ליעקב", וואס איז פארוואנדלט געווארן אין א כוואליע פון רשעות און אפענע רדיפות קעגן אידישע היים אייגענטומער אויף טריט און שריט.

צ.ב.ש. אין די ערשטע צייטן איז דא געווען דער מעיאר ראב דזשעראלאמאן, וואס איז אפילו געווען גאנץ סימפאטיש דעמאלט. איך געדענק אז איך האב געמאכט א שמחת בית השואבה איז ער געקומען זיצן מיט אונז און געוואלט לעבן גוט מיט די אידישע איינוואוינער.

ווען מיר זענען אהערגעקומען איז געווען די רעגולאציע אז אויב וויל מען צובויען אן עקסטענטשאן ביז 300 ס.פ. דארף מען בלויז באקומען א פערמיט פון די בילדינג אינספעקטאר, ווידעראום אויב וויל מען בויען גרעסער פון 300 ס.פ. דארף מען שוין געהעריג אראפגיין צום "פלענינג באורד" און געהעריג דורכגיין אלע פארמאליטעטן דאס צו ערלויבן.

זייענדיג עוסק אין דעם געביט פון פארקויפן און רענאווירן הייזער פאר אידישע קינדער האב איך דעמאלט אסאך גע'שתדל'ט ביים מעיאר דזשעראלאמאן, אז היתכן מען גיט בלויז אן ערלויבעניש פאר אזא קליינע 'עקסטענטשאן', איך האב אים זייער געבעטן אז מען זאל ארויף ריקן די ערלויבעניש צו קענען ארויסבויען כאטש דאפלט, לכה"פ 600 פיס. מען צאלט דאך סייווי פאר די סיידינג, פאר די רופינג, פאר די פרעימינג, פאר די פלאמינג, איז דאך ממש א שאד אז מען מעג נאר ארויסבויען אזוי ווינציג, וואס איז ווייט פון גענוג פאר אונזערע קינדער געבענטשטע משפחות בלעיה"ר.

נאכ'ן אסאך פארהאנדלען האט מען ב"ה ארלעדיגט און די רעגולאציע האט זיך טאקע ארויפגערוקט אז ביז 600 ס.פ. קען מען בויען מיט א בלויזע פערמיט. דאס האט אזוי אנגעהאלטן א תקופה פון א יאר צוויי וואס עס איז געווען די הרוחה, און אידן האבן זיך טאקע מחי' געווען, מען האט געקענט ארויסבויען גרעסער און פארשטענדליך אז די 'בולדינג אינספעקטאר' האט געגעבן פערמיטן, וויבאלד עס איז דאך געווען אין איינקלאנג מיט'ן געזעץ און ס'איז געווען לעגאל.

דאס אלעס האט זיך אבער דראסטיש געטוישט ווען די נייע אדמיניסטראציע פון דעם יעצטיגן מעיאר איז אריינגעקומען.

די אמטירנדע ווילעדזש אפיס האט פשוט נישט אויסגעהאלטן אז אידן מאכן זיך "היימיש" דא און האבן דעריבער גענומען פאר זייער ציל צו שטערן אונזער וואוקס פאר יעדן פרייז.







בילדער פונעם בוי ארבעט ביים ביהמ"ד מאורות נתן ראדאוויץ

זיי האבן נישט פאקטיש געטוישט דאס געזעץ אבער זיי האבן יא מיטאמאל אריינגעלייגט א נייעם "פשט" אין דעם אלטן געזעץ, וואס לויט די נייע אויסטייטש דארף מען זיך דורכקומען מיט'ן פלענינג באורד "אפילו ווען מען וויל בויען בלויז 300 ס.פ.".

דאס הייסט אז מען קען איינפאך נישט באקומען קיין פערמיט אפילו מען וויל ארויסבויען דאס מינדסטע, נאר אלעס מוז דורכגיין די פלענינג באורד וואס באדייט שבעה מדורי גיהנום ביז דאס אפעטיט פארגייט פון בויען סיי וואס.

## וואס איז די חילוק צווישן בעטן א "פערמיט" און צווישן זיך דורכקומען מיט'ן "פלענינג באורד"?

דער חילוק איז זייער פשוט. ווילאנג מען האט געקענט באקומען א 'פערמיט' האט מען געדארפט אריינגעבן א פלאן וואס און וויאזוי מען וויל בויען. מען האט דאס געדארפט אויסשטעלן אז עס זאל שטימען לויט די געזעצן און רעגולאציעס, און דאן איז מען אריין אין א מיטינג מיט'ן "אינספעקטאר", וואס האט באטראכט צי אלעס איז טאקע לעגאל, און אויב זי איז געווען צופרידן פון די טעכנישע דעטאלן איז מען ארויס מיט א פארטיגן "פערמיט".

ווי אנדערש איז ווען מען דארף אנקומען צו דעם "פלענינג באורד" וואס איז א קאמפליצירטע און דירעקט העסליכע ביוקראטיע, עס זיצן פינף מענטשן, וואס יעדער באזונדער באטראכט גענוי די פלענס און כאפן זיך ארויף אויף יעדן דעטאל, וויאזוי מען קען נאר ארומשלעפן און אויסציען די נשמה פאר לאנגע חדשים ביז דאס ווערט באשטעטיגט.

ס'איז וויכטיג צו באטאנען אז די מיטגלידער אין דעם "פלענינג באורד" ווערן נישט אריינגעוועלט דורך עלעקשאנס, זיי ווערן דארט אריינגעשטעלט דורך דעם מעיאר וואס לייגט אריין וועמען ער וויל.

אין די אמטירנדע בארד זענען פאקטיש אריינגעשווארירן געווארן 3 מיטגלידער פון איין מינוט צו דער אנדערער. די 3 האבן ניטאמאל אריינגעגעבן זייערע נעמען בעפאר, נאר מען האט זיי אנגערופן און געלאדנט צו ווערן בארד מעמבערס.

וואס איז געווען זייער יחוס וואונדערט איר זיך? די אלע זענען געווען פון די גרעסטע העצער, די שטארקסטע קאמפלעינערס קעגן די אידישע איינוואוינער, און אלס 'באלוינונג' זענען זיי אויפגענומען געווארן אויף די פאזיציע, וואו זיי קענען רואיג אויסטיילן ביטערע צרות פאר יעדן אידישן היים אייגנטומער וואס וויל רענאווירן זיין הייזקעלע.

זייענדיג אין דעם "לייך", קומט אויס צו מיטהאלטן ממש מעשים בכל יום, וויאזוי אידן גייען נעבעך דורך אזויפיל עגמת נפש פאר יעדע קלייניגקייט וואס מען וויל ערלעדיגן אין דעם הינזיכט.

ב"ה אז עס קומט אסאך אויס צו העלפן מענטשן בחנם צו איבערשמועסן די ריכטיגע "עדווייס" און "אינפארמאציע" וויאזוי צו באקומען פערמיטן און מען זעט עס בחוש וויאזוי די ווילעדזש האט א סטראטעגיע אז זיי זאגן נישט קיין קלארע "ניין", נאר זיי שלעפן אזויפיל ארום ביז דער מענטש לאזט זיך אפ פון זיינע פלענער, ווייל ער שפירט ווי ער טאפט א וואנט וואו ער וועט קיינמאל אין ערגעץ נישט אנקומען.

מ'קען ממש ארויסגעבן א ביכל מיט מעשיות, וואס איך האב זעלבסט בייגעוואוינט, וויאזוי אידן האבן געבעטן פערמיטן פאר קלייניגע מינדערוויכטיגע זאכן, אבער מען האט זיי ארומגעשלעפט פאר לאנגע 6-7 חדשים! און יעדעס מאל באזונדער דארף דער מענטש ברענגען די פרישע דאקומענטן און אנהויבן פון אלף, ווען מען ערלעדיגט איין זאך כאפן זיי זיך באלד ארויף אויף א פרישע "פראבלעם", וחוזר חלילה, ביז מען גיט פשוט אויף און מען לאזט זיך ארויס דערפון.

און דאס זענען "פראבלעמען" וואס מען טרעפט בלויז אויף אידישע היים אייגנטומער. מען קען דערויף אנצייגן אפענבייישפילן פון אנדערע הייזער וואו מען האט אדורכגעלאזט און "עפראווד" די זעלבע סארט זאכן פאר גוי'אישע איינוואוינער אָן קיין פיפס.

אבער ווען דער איד וויל סיי וועלכע פערמיט פון דעם ווילעדזש אפיס, וועט מען אים אויסציען און ארומשלעפן פאר לאנגע חדשים אָן קיין שום זאכליכע באזיס, וואס קאסט אפ יעדעס מאל באזונדער ממון ודמים, אידיש געלט פאר לויערס און אינדזשענירן, צו פונדאסניי אויסשטעלן און אריינגעבן די "פלענס". וואס אגב, דער ווילעדזש מאכט ניטאמאל קיין געלט דערפון, די אלע געלטער גייט דאך פאר די אדוואקאטן און אינדזשענירן וועלכע באפאסן זיך דערמיט. אזוי אז די ווילעדזש האט ניטאמאל קיין טובת הנאה דערפון!

## צום שלוס, ר' משה, וואס איז אייער ווארט שטייענדיג ביי אזא מאמענט, בלויז קארגע צוויי וואכן אפגערוקט צו די קריטישע עלעקשאנס?

במשך די פארלאפענע יארן האט מען שוין עטליכע מאל פרובירט צו צוזאמשטעלן א פאראייניגן כח פון תושבי העיר. מען האט אלעמאל געהאט דעם חלום אז די געגנט זאל זיך צוזאמענעמען און אינאיינעם ארבעטן פאר אונזערע אייגענע אינטערעסן. וואס איז יעצט ב"ה צושטאנד געקומען מכח אל הפועל מיט די אויפקום פון "יו. דזשעי. סי". וואס ארבעט אזוי געטריי און הארציג לטובת כל בני העיר.

פון מיין פערזענליכן קוק ווינקל, קען איך נישט געגוג דאנקן השי"ת שהגיענו עד הלום, אז נאך די אלע יגיעות צו אויפלעבן דעם געגנט, צו אויפשטעלן בתי מדרשים מקוואות און אנגרייטן דעם באדן פאר א אידישע ישוב עד ביאת הגואל.

און פון די צווייטע זייט קוקט מען ארויס אז מיר זאלן שוין ארויסגיין פון די אלע שוועריגקייטן. דער ציבור תושבים זאל שוין באקומען א מענטשליכע באנעמונג. מען זאל אונז ערלויבן צו ארויסבויען אונזערע דירות מיט אביסל הרחבת הנפש מען זאל קענען שפירן אז מען וואוינט אין א געהעריגע דירה, מען זאל אונז ערלויבן צו האבן טראנספארטאציע, מען זאל אונז ערלויבן די מינימאלע מענטשליכע באדערפענישן פונקט ווי אלע אנדערע שטייער צאלער.

מען הערט עס כסדר צוריק פון אידן וועלכע וואוינען נישט דא און זיי באוואונדערן וויאזוי עס פונקציאנירט אזא פראפעסיאנאלע און זאכליכע באורד, וואס עס קען זיך דוכטן כאילו די עסקנים האבן שוין לאנגע יארן ערפארונג און שימוש אין דעם פעלד.

דער אמת איז אבער אז דאס זענען אלע אינגעלייט, וועלכע האבן דאס קיינמאל נישט געטון בעפאר, אידן וואס האבן זיך אהערגעצויגן און געבן פשוט אוועק זייער הארץ, זייער צייט און זייער געפיל צו העלפן זייערע שכינים און גוטע ברודער. די אלע אידן זענען פארנומען מיט זייער פרנסה מיום ועד לילה און טרעפן זיך נאך די צייט צו עוסק זיין בצרכי ציבור וואס נעמט אוועק אזויפיל צייט, קאפ און מח און איז למעשה נאך א "פול טיים" ארבעט...

יעדער פון די באורד מעמבער איז זעלבסט א היים אייגנטומער וואס וואוינט דא און האט אן אמת'ע געפיל פאר דעם פלאץ אלס א תושב, נישט אלס אינוועסטירער. די אלע אידן ווילן פשוט דא קענען לעבן רואיג, אן ווערן גע'רודפ'ט און געצווימט, און דאס זעט זיך טאקע אן אויף די ברידערליכע שטימונג וואס הערשט אין דער לופטן ווען יעדער יחיד שפירט אז ער ווערט פארטרעטן דורך היימישע אייגענע תושבים, וואס מיינען בלויז אונזער טובה און די תועלת פון אונזער געגנט.

עס וואקסט פשוט דאס הארץ פון פרייד צו זעהן אזא ברידערליכע פאראייניגונג פון אלע תושבים. עס פעלט נישט אויס מער ווי בלויז כאפן א בליק אויף די וועכנטליכע "שטימע", וואו יעדע קהלה און יעדער איד פון יעדע געגנט מתושבי העיר, האט זיין פערזענליכע "שטימע" און ווערט אנערקענט און אקצעפטירט.

איך וואונטש יעדן איד פון די תושבי העיר זאל שפירן דאס וואס איך האב געשפירט מיט 8 יאר צוריק, ווען מיר זענען ארויסגעקומען דא וואוינען, די רואיגקייט, די הרחבת הדעת, און די מנוחת הנפש. אבער אצינד איז דאס אלעס תלוי אין אונזער אחריות צו אויספאלגן דעם דעת תורה פון די רבני העיר שליט"א און זיך אנשטרענגען מיט אלע כוחות אין די קומענדיגע עלעקשאנס, פאר אונזער אייגענע טובה, פאר אונזער אייגענע עתיד, ובשם ה' נעשה ונצליח.

# פון הינטער די קוליסן פון די "שטימע" רעדאקציע



### פון א שמועס מיט האי איש הכשרון והמעש
## הרה"ח ר' חיים גליק הי"ו
### אקטיווער און געטרייער 'באורד מעמבער און שטימע רעדאקציע מיטגליד

**א גוטן ר' חיים, מיר האבן שוין גערעדט אבער, אצינד לאמיר גיין צו א אנדערע טעמע.**

**אלס א געטרייער מיטגליד אינערהאלב די רעדאקציע פון אונזער וועכנטליכע "בלומינגראוו שטימע", דער קול קול יעקב וואס האט זיך ב"ה ערווארבן אן אומגלויבליכע רעפוטאציע אין די קורצע צייט זינט עס האבן אנגעהויבן ערשיינען, דערציילט אונז וואס עס שפילט זיך אפ אונטער די קוליסן פון אזא רייכע און פראפעסיאנאלע אויסגאבע, וואס ערשיינט וועכנטליך מיט אזא אויסנאמליכע און ברייטע אויסוואל פון באמת תוכנ'פולע חומר, ווילעדזש נייעס און איבערזיכטן, עסקנות באריכטן, שיינע דעקונג פון בתי מדרשים און קהלות, געשמאקע אינטערוויאס און אינהאלטסרייכע ארטיקלען, מדי שבוע בשבוע, אזש אז עס איז שוין געווארן ווי א רוטין אז יעדן ערש"ק נאכמיטאג, קוקט יעדער תושב בלומינגראוו ארויס צו זעהן דעם פרישן "שטימע" פון דער וואך.**

**וויאזוי ווערט אזא נאבעלע פראיעקט אהערגעשטעלט און נאך אויף אזא "נעקסט לעוול" פארנעם, קלאסיש, רייך און נאבל מיט אזויפיל פראפעסיאנאליטעט און תוכן ?**

דער געדאנק פון אזא סארט אויסגאבע איז געבוירן געווארן אין די אנהויב ווינטער חדשים, ביי איינע פון די צענדליגער 'באורד' מיטינגען פון דער "יו. דזשעי. סי.", ביי יענער מיטונג איז ארויפגעברענגט געווארן א גרויסע ליסטע פון פארשידענע צרכי הכלל והפרט וואס דארפן ערלעדיגט ווערן לטובת תושבי העיר און באלד האט מען זיך באלד אריינגעווארפן מיט פלייס צו באטראכטן יעדע ענין באזונדער וויאזוי מען זאל דאס באהאנדלען און דורכפירן אויפ'ן בעסטן אופן.

אזוי זיצנדיג אין שוואונג פון דעם מיטינג האט מען זיך פשוט דערזען אז דא - אינערהאלב די קאמיטע - שוויצן אידן און ארבעטן אויף אלע פראנטן צו העלפן און צו פאראויסרוקן זאכן, אבער דער ציבור, וועמענס שלוחים מיר זענען, איז דערווייל נישט געהעריג אינפארמירט מיט די אלע פעולות.

ס'איז ארויפגעברענגט געווארן צום אויבערפלאך אז דער ציבור קוקט ארויס צו הערן מער, אידן פאראינטערעסירן זיך כסדר וואס עס זענען די אויפטוען פון דעם באורד און וואס זענען די ווייטערדיגע פלענער, און מען דארף טרעפן א וועג וויאזוי מען זאל קענען אנהאלטן אן אקטיווע און קעגנזייטיגע קאמיוניקאציע מיט אלע תושבי העיר, וואס סוף כל סוף זענען מיר בלויז זייערע פארטרעטער און מיר ארבעטן פאר זייערע אינטערעסן.

עטליכע אידן האבן דערביי באטאנט אז באמת האלט דאך דער ציבור יא מיט פארשידענע עפענטליכע אקטיוועטעטן, ווי די געבענטשטע איינפיר פון "שבת גוים" וועלכע האבן פאטראלירט דעם געגנט אין דעם יו"ט סעזאן, אבער פארט איז דאך אזויפיל מער וואס מען ווייסט נישט. עס קומען פאר אזויפיל העפטיגע אינטערווענץ און שתדלנות בעפאר יעדע פרט וואס מען וויל דורכפירן, עס גייט דאך אריין אזויפיל כח און מיה אין יעדע לעגאלע אדער טעכנישע פראצעדור לטובת העיר, און פארוואס זאל דער ציבור - וואס האט ערוועלט די שלוחי ציבור - דאס נישט מיטהאלטן פון דער נאנט.

דעמאלט האט מען באשלאסן אז ס'איז זייער וויכטיג צו ערשיינען מיט א שטיקל בלעטל וואס זאל האלטן אינפארמירט דעם ציבור תושבי העיר מיט די אקטועלע נייעס פונעם באורד.

ס'איז קיינעם נישט איינגעפאלן אז דאס וועט זיין אזא סארט הויכע קאליווער אויסגאבע ווי דער "שטימע", מען האט דעמאלט געקלערט פון א 2 זייטיגע גליון וואס זאל ערשיינען יעדע עטליכע וואכן מיט נייעס'לעך און קורצע באריכטן. פשוט צו אנהאלטן א קשר און א קאמיוניקאציע מיט די איינוואוינער.

אזוי איז צושטאנד געקומען די רויע געדאנק פון ארויסגעבן אזא בלעטל.

אין די נאכפאלגענע טעג האט מען געטראכט פארשידענע רעיונות וויאזוי דאס צושטאנד צו ברענגען מכח אל הפועל. איך געדענק ווי דער איבערגעגעבענער פאנדרעיזער פונעם באורד, הר"ר יודל וויינבערגער הי"ו, האט מיך דעמאלט אנגערופן און זייער אסאך באגלייט דעם גאנצן סטרוקטור וויאזוי צו אהערשטעלן אן אויסגאבע וואס זאל טאקע זיין לשם ולתפארת און געטריי באדינען דעם בלומינגראווער ציבור ווי עס קומט זיך פאר יעדן יחיד.

צום אלעם ערשט איז איינגעפעדעמט געווארן א מהלך אז דער "שטימע" איז טאקע די שטימע פון יעדן אינדעווידואל פון די תושבי העיר. דעריבער האט מען דעמאלט אריינגעלייגט אסאך ארבעט, פון שעות ארוכות, פשוט צו "קאלעקטן אינפארמאציע" פון אלע היזיגע תושבים וועלכע האבן אייגענע ביזנעסער אדער סערוויסעס, וואס איז דערנאך שיין אויסגעשטעלט געווארן און אריינגעלייגט געווארן אין א רייכע קלעסעפייד ליסטע, כדי מען זיך זיך קענען העלפן און שטיצן איינער דעם אנדערן ווי גוטע ברודער.

דאס זעלבע האט מען באלד איינגעשטעלט דעם סיסטעם פון באגריסן יעדן נייעם תושב מיט א "ברוכים הבאים", און גלייכצייטיג וואונטשן מזל טוב פאר אלע שמחות אין שטעטל. ווי עס גערענקט זיך איז אין דעם אויפלאגע פון "שטימע" געוועזן באגריסונגען פאר אריבער 20 פרישע תושבים בלעיה"ר וועלכע האבן זיך דא אהערגעצויגן במשך די זומער חדשים.

דעמאלט איז אויך ארויפגעקומען די הצעה אז בנוסף צו די אקטועלע נייעס און אנטוויקלונגען זאל אויך יעדע וואך געדרוקט ווערן אן אינהאלטסרייכן אינטערוויא מיט א צווייטן באורד מעמבער, וואס זאל זיך אויסשמועסן מיט די תושבי העיר מהנעשה והנשמע אינערהאלב דעם באורד, דאס זעלבע זאל מען אויך יעדע וואך באשרייבן איינס פון די הערליכע בתי מדרשים דא ביי אונז אין געגנט.

פון די ערשטע מינוט האט מען באלד פארשטאנען אז ס'איז נישט מעגליך אז אזא אונטערנעמונג זאל געפירט ווערן דורך א יחיד און מען מוז דאס אויסברייטערן אז עס זאל געמאכט ווערן דורך א פאראייניגטע "טיעם ווארק", כדי צו ערמעגליכן דאס שענסטע און דאס בעסטע פאר תושבי העיר.

מען האט דעמאלט אריינגענומען אין בילד עטליכע געניטע שרייבער, און גראפיקער צו אהערשטעלן דעם שיינעם דעזיין פון די אויסגאבע וועכנטליך, און אזוי האט זיך געשאפן א קאמיטע פון עטליכע יונגעלייט וועלכע זענען זינט דאן אקטיוו בעובי הקורה, יעדן טאג פון דער וואך מן הבוקר עד הערב, צו פארזיכערן אז די שטימע פראגרעסירט מיט'ן פולסטן פראכט.

די ערשטע וואך וואס דער אויסגאבע איז ערשינען האט מען זיך דערזען אז פון דאס 'ביסל' נייעס איז אויסגעוואוקסן 'אכט' פולע זייטן מיט העכסט אינטערסאנטע אינפארמאציע. ווער האט דעמאלט געגלייבט אז היינט, 8 וואכן דערנאך, איז דער שטימע אן אויסגאבע פון 28 זייטן!... און די מערסט אינטערסאנטע חלק איז אז ס'איז פארהאן אזויפיל אינפארמאציע און ידיעות וואס קיינער האט אפילו נישט גע'חלומ'ט אז עס וועט זיין אזויפיל צו מיטטיילן מיט'ן ציבור.

לכתחלה האט מען אפילו געקלערט אז די אויסגאבע וועט נאר ארויסקומען איינמאל אין יעדע צוויי וואכן. אבער ווי נאר די "שטימע" איז פאקטיש ארויסגעקומען די ערשטע וואך האט מען באלד געזען די אויסטערלישע אינטערעסע ביים ציבור. בלומינגראווער אידן האבן ממש אנגעפאנגען ארויסקוקן צו זעהן און הערן מהנעשה והנשמע און מען האט געשפירט אז ס'איז פשוט יושר צו ארויסגעבן דעם אויסגאבע וועכנטליך פאר די תועלת און פארלאנג פון תושבי העיר.

מען האט אויסגעשטעלט א געניטן סיסטעם, וויאזוי עס לויפט די רעדאקציע ארבעט צו ארויסגעבן דעם "שטימע" מדי שבוע בשבוע. יעדע אנהויב וואך ווערט בעפאר באשטימט די טעמעס וואס וועט גערעדט ווערן די וואכענדיגע אויסגאבע, וואס ווערט באלד איינגעטיילט צווישן די רעדקאציע מיטגלידער ווער עס זאל נעמען וועלכע טעמע און וועלכע אויפגאבע. אלע שרייבער, רעדאקטירער און מיטגלידער פון די רעדאקציע, באקומען זייער חלק און די ארבעט ווערט געלאזט אין שוואונג ווען מען קאנצעטרירט זיך צו ענדיגן די גאנצע קאמפליצירטע פראיעקט פון נייעס באריכטן, אינטערוויאס שמועסן, אבזערוואציעס און ארטיקלען, אז אלעס זאל זיין ערגענצט אויף די קומענדיגע 2-3 טעג און עס זאל זיין גרייט צו אריינגיין צום דרוק אויף מיטוואך.

**יעדער ווייסט אז געוועגליכע מאגעזינען און אויסגאבעס, ווערן שוין געשריבן און אויסגעשטעלט וואכן און אפילו חדשים בעפאר זיי ערשיינען לאור עולם. וויבאלד עס איז איינפאך נישט מעגליך צו אהערשטעלן א פראפעסיאנאלע אויסגאבע אין דער איילעניש און מען דארף האבן גענוג צייט צו אנגרייטן, אהערשטעלן און ריכטיג רעדאקטירן יעדן ארטיקל, יעדן אינטערוויא, א.א.וו. דעריבער איז שוין אלעס גרייט וואכן בעפאר.**

**וויאזוי איז אלזא מעגליך אזא באגריף אז עס זאל ערשיינען וועכנטליך - אזא אינהאלטסרייכע און העכסט פראפעסיאנאלע אויסגאבע, וואס געדויערט בלויז געציילטע טעג, פון די רויע קאנצעפט ביז דאס פאקטישע דרוקן, אריינגערעכנט אלע פולזייטיגע דעטאלן אינדערמיט ? וויאזוי מאכט מען אזא זאך געשען פון זונטאג ביז מיטוואך וואך איין וואך אויס ?**

דער אמת איז אז די ענטפער אויף אייער שאלה ווייס איך אויך נישט... ס'איז פאקטיש א וואונדערליכע ערשיינונג וויאזוי אזא פולקאמע אפעראציע פאסירט יעדע איינציגע וואך מיט אזא געוואלדיגע הצלחה און סוקסעס. מיר פערזענליך איז קלאר אז דאס איז בלויז סייעתא דשמיא וואס באגלייט אונז ב"ה אויף טריט און שריט.




בדרך הטבע גלייבט זיך באמת נישט וויאזוי אזא אומבאגרייפליכע ארבעט ווערט געטון דורך א 'טיעם' פון אינגעלייט, וואס מערסטנס פון זיי זענען וואלענטורן וועלכע טוען דאס שלא על מנת לקבל פרס.

בלויז פאר א קליינע ביישפיל: יעדער מענטש וועמען איך אינטערוויא, געדויערט דאך נאטורליך אסאך צייט ביז מען זעצט זיך אראפ מיט דעם איד, ביז ער איז גרייט פאר דעם שמועס, אסאך מאל דארף מען זיך אפשטעלן אינמיטן און דאן צוריקומען ממשיך זיין.

דערנאך ווען דאס איז שוין ענדליך פארענדיגט דארף מען דאס אפשרייבן אויף אַן אופן וואס עס זאל נישט פארדרייען די משמעות הדברים וואס ער האט געזאגט. דאן ווערט דאס איבערגעקוקט און מוגה פון אלע טעותים און הערשט דערנאך שיקט מען דאס פאר דעם מענטש וואס האט געגעבן דעם שמועס צו זאגן זיינע קאמענטארן און הגהות אויף דעם ארטיקל.. דאס איז א "פול-טיים" ארבעט וואס האלט פארנומען שעות ארוכות! און דאס איז נישט קיין איינמאליגע זאך נאר עס זעצט פאר יעדע איינציגע וואך מיט עטליכע לענגערע ארטיקלען און אינטערוויאס!

כדי דאס זאל קענען צושטאנד קומען דארף מען זיין אקטיוו אומצאליגע שעות אינעם מעת לעת, אין אלע זייטיגע צייטן ווען מען איז נישט פארנומען מיט די אייגענע פרנסה און באדערפענישן, מען איז פשוט מקריב טעג און נעכט און דאס ליגט אויפ'ן מח די גאנצע צייט, ווייל דאס איז די איינציגסטע וועג וויאזוי אזא זאך

זאל קענען פונקציאנירן מיט אזא געניטע סיסטעם.

די גאנצע ארבעט פון ארויסגעבן די וועכנטליכע "שטימע" איז אהערגעשטעלט אויף א מייסטערהאפטיגן אופן פון א "טיעם ווארק", דהיינו א פאראייניגטע טיעם וואס יעדער איז געשטעלט אויף זיין פאזיציע, מיט א געוואלדיגע אחריות אז אויב ער פאלט חלילה ארויס פון בילד דאן קען די גאנצע זאך נישט צושטאנד קומען.

פון די ערשטע מינוט וואס מען באשטימט די נושאים וואס וועלן געדעקט ווערן די וואך, הייבט דאס אָן פאָרן און צעטיילט ווערן איש על מחנהו ועל דגלו, ווען יעדער ווייסט אז זאכן מוזן קלאפן מיט א פונקטליכע סדר און ער דארף אהערשטעלן זיין חלק פון דעם פּאָזל אויפ'ן שענסטן פארנעם, פונעם צוגרייטן די ארטיקלען ביז'ן אויסשטעלן די גראפיק און דאס דרוקן.

פאקטיש הערט מען כסדר צוריק פון מענטשן וואס וואונדערן זיך וועלכע רעדאקציע באווייזט אזא שלימות'דיגע ארבעט מיט אזא שנעלקייט און פראפעסיאנאליזם. פון מערערע האב איך שוין אפילו געהערט השערות אז די "שטימע" ווערט געמאכט אין אפיסעס פון אנדערע אויסגאבעס וועלכע זענען שוין אויסגעשטאט מיט דעם שטאב און די באדערפענישן פאר אזא סארט רייכע אויסגאבע. מענטשן קענען זיך פשוט נישט גלייבן אז די גאנצע "שטימע" מהחל ועד כלה איז "האום מעיד"... ס'איז אויסדריקליך געמאכט "היימיש" דא ביי אונז אין בלומינגראוו, פון א' ביז ת'.

און כאטש עס קען זיך דוכטן אז דא איז פארהאן א פולקאמע רעדאקציע אפיס וואס באפאסט זיך מיט די אויסגאבע, איז דער אמת אז די אלע רעדאקציע מיטגלידער האבן אייגנטליך געהעריגע "פול טיים" דזשאבס, און זיי ארבעטן אלע שווער פאר פרנסה. די "שטימע" ווערט אהערגעשטעלט און באגלייט דורך פארנומענע אידן, אין זייערע זייטיגע צייטן, ווען מען כאפט זיך ארויס פון די ביזנעס און פון דאס ביסל רואיגקייט. מען לייגט אלעס אין דער זייט ווייל מען האט א הארץ, א נשמה און געפיל פאר אונזער שטעטל און פאר אונזערע שכינים און גוטע ברידער תושבי עירינו.

ווען מען זעט די הערליכע "שטימע" אויסגאבע שב"ק אין די שולן, קען מען זיך נישט פארשטעלן וויפיל מחשבה, קאפ און מח, ס'איז אריין אין יעדן ארטיקל. ווען יעדעס ווארט און יעדע שורה ווערט דורכגעקוקט און איבערגעזיפט בי"ג נפה דורך עטליכע מגיהים, אז אלעס זאל זיין קראנט און אויסגעהאלטן בכמות און באיכות, סיי פון א זשורנאליסטישן שטאנדפונקט און דאס זעלבע פון א תורה'דיגן און א מציאות'דיגן בליק.

הערשט נאכדעם וואס אלעס איז איבערגעקוקט געווארן איינמאל און נאכאמאל ווערט די "שטימע" געשיקט פאר די באורד מיטגלידער, וואס זאלן כאפן דערויף א בליק און קאמענטירן אויב זאכן דארפ'ן געטוישט ווערן. און נאכדעם גייט דאס צום גרעפיקער וואס לייגט צו זיינע הערות און באַרייכערט עס מיט דעם פאסיגן אויסשטעל עס זאל זיין ראוי לעלות על שלחן מלכים.

א באזונדערע דגוש ווערט געלייגט מיט א געוואלדיגן אחריות צו ערפילן דעם תכלית פון די גאנצע אויסגאבע, אז יעדער איד פון יעדע קהלה און פון יעדע בית המדרש זאל זיך געפינען דארט דאס פלאץ ביוותרת הכבוד. מען שטייט על המשמר מיט א שטארקע זהירות אז עס זאל זיך נישט דאכטן אפילו ווי א פגיעה קלה ח"ו אין סיי וועמען, קיין שום ווארט זאל נישט קענען אויסגעטייטשט ווערן נישט ריכטיג, און דער גאנצער מעסעזש פון דער 'שטימע' זאל זיין ליבליך, ברידערליך און גוטהארציג, פאר יעדן איינוואוינער וואס וואוינט צווישן אונז.

די הארעוואניע, די פיזישע און גייסטישע פלאג ביז מען זעהט די "שטימע" גרייט ארויס פון דרוק איז נישט עפעס וואס מען קען ערקלערן, אבער עש"ק נאכמיטאג, ווען מען זעט ווי אידן כאפן זיך צו דערצו און טראגן דאס אהיים אין שטוב, דעמאלט צאלט זיך אויס די גאנצע ארבעט, ווען מען האלט מיט ווי דער ציבור איז מכיר טובה, מען איז דאנקבאר פאר די שלוחי הציבור און מען צייגט ארויס אן אינטערעסע אז דער כח הרבים זאל אנגיין לשם ולפארת.




**אויב ס'איז שייך צו מיטטיילן, וואס האט אייך געגעבן דעם טרייב קראפט צו שטיין אין שפיץ פון אזא שווערע און אויסמאטערנדע אונטערנעמונג, געענצליך שלא על מנת לקבל פרס ?**

איך קען נישט רעדן פאר די אנדערע געטרייע מיטגלידער וואס באגלייטן די "שטימע" אבער איך פערזענליך בין זייער שטארק אינספירירט געווארן צוליב א זעלטענעם און גייסטרייכן שמועס וואס איך האב אפגעהאלטן טאקע אין די ערשטע וואך נאכדעם וואס די שטימע איז ערשינען.

געווען איז עס דעמאלט, באלד אין אנהויב, ווען עס איז מיר איינגעפאלן אז היות מען שטייט דאך אצינד אין א פארוויקלטע לאגע, ווען ס'איז דא אזויפיל ספיקות וויאזוי צו האנדלען מיט די שונאי ישראל וואס שטערן אונז אויף טריט און שריט, איז דאך נישט מער ווי ריכטיג צו מקיים זיין דעם "צאו לך בעקבי הצאן", און זיך פארבינדן מיט א חשוב'ן איד וואס געפינט זיך בתוכינו, הרה"ח הישיש רבי חיים הערש ליימזידער שליט"א לאוי"ט, וואס איז בשעתו געווען דער ציר נאמן לשולחיו וואס האט אויפ'ן פערזענליכן שליחות פון רביה"ק זי"ע אויפגעשטעלט דאס שטעטל קרית יואל און דערנאך געקעמפט קעגן די גוי'אישע שונאי ישראל מיט'ן רבי'נס הדרכה און ברכה.

מיר האבן דעמאלט אנגערופן ר' חיים הערש, וועלכער האט זיך דאן געפינען אין פלארידע אויף אפרוה, און איז געווען גערן גרייט צו מיטטיילן מיט אונז זיינע זיסע




גודרי גדר ועומדים בפרץ:

# ארבעט ביים שארטקאט, קומט נענטער צום שלימות מיטן אינסטאלירן שטאנדהאפטיגע צוימען, און אויספלאסטערן די וועג מיט שטיינער

**אין די קומענדיגע טעג אויך וועט מען ענדיגן דאס אינסטאלירן לעמפ**

**יו.זשעי.סי. דרוקט אויס דאנק פאר די 'גרין היל' פענסינג פאר'ן זיך צושטעלן לטובת תושבי העיר**

זכרונות מימים ההם.

במשך די צייט וואס מיר האבן גערעדט מיט ר' חיים הערש שליט"א איז אונזער שטוינונג און התפעלות געוואקסן פון מינוט צו מינוט, וויאזוי דער איד האט אראפגעלייגט די השתלשלות פון די גאנצע געשיכטע מיט גענויע דאטומס און נעמען, ממש ווי עס וואלט נעכטן פאסירט. (ווי עס ווערט טאקע אויספירליך אראפגעשריבן אין וועכנטליכע פארזעצונגען אין דער "שטימע").

ס'איז באמת געווען וואונדערליך ביז גאר צו הערן וויאזוי א איד אין דעם עלטער לאורך ימים טובים, רעדט היינט אין יאר תש"פ, מיט אזא מורא'דיגע פייער און אזא ברען, איבער די הייליגע שליחות וואס דער צדיק הדורות האט אים אנפארטרויעט נאך אין די כ' יארן, איידער רבי איז אוועקגעפאלן מיט'ן ביטערן סטראוק, און דערנאך ווייטער אין די ל' יארן ווען ער האט למעשה ממלא געווען רצון קדשו און אהערגעשטעלט דעם שטעטל און אויסגעקעמפט אלע שוועריגקייטן מיט די רשעות'דיגע באהערדע.

ווען מיר האבן געענדיגט דעם שמועס, וואו רבי חיים הערש שליט"א האט פונקטליך דערציילט די הוראות און ברכות וואס ער האט דעמאלט באקומען פון רביה"ק זי"ע איבער דאס גרינדן א אידישע ווילעדזש, האט ר' חיים הערש זיך שוין געיאגט צו גיין דאווענען אבער איך האב אים געזאגט: "ר' חיים הערש, איך וויל אייך נאך פרעגן איין זאך"... און דאן האב איך אים פארגעלייגט דאס מציאות הדברים דא אין בלומינגראוו וואו די גוי'אישע אינסטאנצן רודפ'ן די אידישע איינוואוינער, און כ'האב אים געפרעגט, אלס א איד וואס האט אזויפיל ערפארונג אין דעם געביט און האט פאקטיש מקבל געווען אזויפיל ערשטהאנטיגע הוראות פון רביה"ק זי"ע איבער דעם ענין, וואס האבן מיר אצינד צו טון.

ר' חיים הערש האט אונז דאן זייער קלאר געזאגט: אודאי דארף מען פרובירן צוערשט זיך דורכקומען און פאראהנדלען מיט'ן גוי, אבער מען טרעפט זיך אין א צושטאנד וואס מען האט נישט קיין ברירה מיט זיי, דארף מען געווייס אריינברענגען אידישע קאנדידאטן צו פארזיכערן דעם עתיד פון אידן אין דער געגנט. ווען דער גוי איז נישט מסכים זיך צו דורכקומען דארף מען נעמען דעם אנדערן מהלך, דאס האט דער רבי זי"ע געהייסן אז מען זאל טון און דער מהלך האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס ארבעט און עס ברענגט א תועלת פאר אלעם!

אט דער שמועס מיט ר' חיים הערש, און איבערהויפט זיין ווארימקייט און פייער וויאזוי ער לעבט און אטעמט פאר א ווארט פונעם רבי'ן זי"ע, האט מיך ממש איבערגענומען און געגעבן דעם ריכטיגן הדרכה און ברען צו ווייטער עוסק זיין אין דעם הייליגן אונטערנעמונג, צו ווייטער ממשיך זיין די עבודת הקודש בימים ההם בזמן הזה. דאס האט ב"ה געגעבן דעם ריכטיגן בליק אויף די אויסטערלישע נחיצות הדבר וחובת השעה לעמוד על נפשינו.

**די "בלומינגראוו שטימע" האט ב"ה טאקע געהאט אן אויסטערלישע השפעה אומעטום, הערט איר צוריק פון אנדערע מקומות וואו די שטימע קומט אלץ אָן ?**

ריכטיג. די "שטימע" וואס איז דאך בעצם אהערגעשטעלט אויסשליסליך פאר אונז תושבי בלומינגראוו, האט געהאט אזא גוואלדיגע אפקלאנג אז "ושמעו הולך בכל המדינות". די אויסגאבע ווערט היינט צוטאגס געזען און באטראכט מיט שטוינונג און וואונדער דורך אידן אין אלע היימישע געגנטער, וועלכע קענען זיך נישט גענוג אפוואונדערן איבער די אייגנארטיגע הערליכע כאראקטער פון בלומינגראוו און אירע געטרייע פארטרעטער.

מען דארף פארשטיין אז אונזער געגנט "בלומינגראוו" ציעט למעשה א גוואלדיגע אינטערעס ביים גאנצן היימישן ציבור. ס'איז דא אומצאליגע אידן פון אומעטום וואס "בלומינגראוו" איז זיי נאנט צום הארצן. צי איז דאס עלטערן פון אינגעלייט וועלכע האבן זיך אהערגעצויגן, חברים קרובים און ידידים פון היזיגע תושבים, אידן וועלכע באטראכטן די מעגליכקייט זיך צו אהערציען, א.א.וו.

מענטשן קוקן ארויס צו הערן איבער די אנטוויקלונגען אין געגנט, מען וויל הערן גוטע גריסן, און ב"ה אז די "שטימע" האט ערפילט דעם חלל. עס גייט נישט אריבער א וואך וואס מיר באקומען נישט קיין אנפראגעס פון אידן אין אנדערע געגנטער וועלכע פרעגן זיך נאך וויאזוי מען קען שאפן א "קאפי" פון דער "שטימע", וואס כשמן הטוב תורק שמה, עס האט זיך ערווארבן אן אויסטערלישער נאמען מיט איר רייכע קוואליטעט און תוכן למעלה מן המשוער.

**א געוואלדיגן יישר כח הר"ר חיים פאר אייער לענגערע און דעטאלירטע שמועס, וואס האט זיך שליסליך ארויסגעשטעלט צו זיין פול מער אינפארמאטיוו און מלא תוכן ווי געראכטן, עס איז דער וואונטש פון אונז אלע תושבי העיר אז איר זאלט טאקע ווייטער ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש, צו העלפן אידישע קינדער און גלייכצייטיג געבענטשט ווערן מיט אלע ברכות האמורות פאר די עוסקים בצרכי ציבור באמונה, כי שם צוה ה' את הברכה חיים!**

אין די סאַטיר פון:
די הייזעריגע שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
פ' תצוה תש"פ
Vol. 10-A

**פורים נאכ'ן שיכור**

זמנים

זמן המפלה בעז"ה
מארטש 18 למספ'
**9:30**

היו נכונים
למחאה גדולה
בתופים ומחולות
בקולי קולות

שושן גייט בוכשטעבליך כאַדאָראָם:

# צענדליגער אימה-וואַרפענדע פייער-טראָקס מיט ליאַרמדיגע סירענעס רעאַגירן צו געשטראַנדעטן "שאָטעל" אויף שושן'ס צעהאַקטע שטראָז;

## אַדאַנק איבערפלוס פון "ברוינע וואַסער" איבער מיניסטער המן'ס קאפ

## • נייער ליעזאן פארשפרעכט דורכדרינגליכע אויספארשונג •

**המן'ס טאָכטער, אונטער שווערע קרייץ-פאַרהער, ארגומענטירט אז דאס איז געווען ריינע פרישע וואסער גראָד פון דער קיך-קראן אַרויס, אָפשלאָגנדיג די פראָקוואָרן וועלכע אייסערן זיך אַז דאָס איז געווען אַ געמיינער גרף של אומאַנגענעמליכקייט וד"ל ודו"ק ולא תשכח**

שושנ'ס מעדיקל עקזאַמינער נאָכ'ן דורכפירן פאַלמעסינג אין עקסקלוסיווער אינטערוויו צו דער הייזעריגער שטימע:
**ושתי'ס טויט, אָריגינעל צוגעשריבן צו דער קאראנע ווירוס אין ליכט פון פילע שווידערליכע און אומשטייגערליכע אויסשלאַגן לענגאויס גאַנצן קערפער, גאַנץ מעגליך רעזולטאט פון כראָנישע וואסער-פארפעסטיגונג**

**אַרויסגייענדער מיניסטאָר המן, שוין אין גסיסה שטאַפּלען, שטאַמעלט אַרויס האַלבע אומקלאָרע ווערטער איבער די מי עיפּוש סומאַטוכע; גיט אַרויס לעצטן וואונטש צו שטעלן ברוין-רויטליכן מציבת זכרון לשמו ולזכרו**



כאילו קיים שושן מלא:

**שנה ראשונה יונגערמאַן פאלט אין חלשות נאכ'ן איינהאַלטן דעם אטעם ביז "עשרת" ווערט דערמינטערט אַדאַנק נייע הצלה גאראדזש אין שושן'ס אומגעגענט**

’שומרי הסף‘ מיט ערשטהאַנטיגע שפּיאָנאַזש:

# פּאַניק און היסטעריע אין קעניגליכן פּאלאַץ איבער באַדייט פון גאָר געהיימע ר׳י׳ב׳ר׳מ׳ און ר׳ל׳י׳ב׳ש׳ס׳ קאָודס; ממוכן שוויצט ווי א טערק צו דעשיפירירן די געהיימענים

חכמיו וזרש אשת מפחידי אין דילעמא; קעפ פליען פון פארלאמענט; הויפּט-סטראטעגיסטן רעזיגנירן אין שאַנדע



## מרדכי זופט דערווייל אַ גלעזל משקה ביי אַן אַנגענעמען לחיים, מיט אייער-קיכל און הערינגלעך סערווירט פאַר זיינע אַרומיגע כיד המלך, אַנטדעקנדיג דערביי דעם באַדייט דורך האַנטגעשריבענע לשון קודש׳דיגע בוכשטאַבן, וועלכע קומען אַלע צוריק צום זעלבן שורש פון ”לשובע ולא לרזון“

---

”הייזעריגע שטימע“ דעקט אויף סקאַנדאַל:

## מאַיעסטעט אחשורוש, זאַט פון אזויפיל זיגן, פּלאַנירט כיטרע אויסצוציען שושן׳ס גרעניצן ביז צו די שבע ועשרים ומאה מדינה

קעניג׳ס וואָרטזאָגער אין אַנטוואָרט אויף אָנפראַגן פון דער פּרעסע: זיין עקסלענץ איז אויף אַ וויכטיגן קאָנפערענץ די לעצטערע עטליכע וואָכן; ביטע פּרובירט צוריקצורופן שפּעטער

---

עַל הָעֵץ אשר הכין לו:

## פערמיטן פאַר׳ן אויפבוי פון גיגאַנטישער 50 איילנדיקער הילצערנער שאַנד-סלופּ ווערט מייסטעריעז צוריקגעצויגן

### נאָך פלוצים׳דיגן טויש אין נעמען פון צום-הענגען-פאַר׳משפּט׳ע

ונהפוך הוא: נייע סימפּאַטישע אַדמיניסטראַציע גיט פולשטענדיגע גרינע ליכט, מיט קנאַקעדיגע פערמיטן נאָך מער צו פאַרברייטערן מאָנגערישע הענג-שטאַנג צו פאַרזיכערן אַז ס׳קען דערהאַלטן אַ גאַנצן מנין שטאַרק און שטאַנדהאַפטיג, ערצייגנדיג אַ זעלטענע דערקוויקנדע ספּעקטאַקל פאַר יונג און אַלט

---




# שטורמישע דעמאָנסטראַציע קעגן מרדכי הצדיק פאַר׳ן באַזעצן המן׳ס הויז ביעט ריזן באַטייליגן פון צוויי און אַהאַלב מענטשן-מאַסע

**הייזעריגע שטימע:** מסירת נפש׳דיגע פּראָטעסטירער פריידיג באַגריסט און האַרציג אָפּגעשמייכלט דורך אַלע פאַרבייגייער, צוגעבונדיג צו פריידיגע און מונטערע שטימונג אין דער גאַנצער שטאָט

פּראַטעסטירער מיט זון ברילן, גיט דעם ריכטיגער ביישפּיל פון אסור להסתכל בפני אדם רשע

# אינטערוויו, מיט א צו'שושאנ'טע איד, א גאסט אין שטעטל

דער אינגער דור, וואס ווייסטעך? די היינטיגע אינגווארג קען זיך דאכטן אז דאס יאר איז בסך הכל דער דריטער אדער פערטער פורים דא אין בלומינגראוו, אבער איר לעבט אין א טעות. פורים איז שוין אנגעגאנגען אין בלומינגראוו שוין טויזנטער יארן, יא אזוי ווי איר הערט און לייגט.

חוץ די פאקט אז פורים איז א זמן און גייט אן איבעראל איבער די וועלט און טאקע אויך אין בלומינגראוו שוין פאר פילע טויזנטער יארן, האט זיך לעצטנס אפירגעזוכט דאקומענטן וואסווארפט א ליכט איבער אידישע אנוועזנהייט דא אויף די היינט היימיש באוואוינטע גאסן, צוערשט דארף מען נישט מער ווי ארייננוואנדערן אין נישט ווייטן אידישן ביה"ח וואס שטייט דא נישט ווייט, איין זאך בלייבט נאך שפעקולירן אויב עס איז טאקע אידיש, די פאקט אז דער ביה"ח שטייט אן א וואנט, באשטעטיגט מיט א זיכערקייט אז חסידי'שע אידן זענען זיי זיכער נישט געווען... אבער פארט נעמט דאס נישט אראפ די פאקט אז אידן האבן זיך דא געדרייט און האפענטליך מקיים געווען די מצות היום משלוח מנות ומתנות לאביונים.

אבער אויב זענט איר א כהן דארפט איר נישט ארייננקריכן ביזן ביה"ח צו באשטעטיגן אידישע אנוועזנהייט פון פילע יארן פריער, ערשטנס איז שווער צו גלייבן אז עס איז אנגעגאנגען אזוי שמירנישדיר א לי עוו. אן אידישע איינוואוינער... אבער ווער עס געדענקט די גאסן בעפאר די בראשית יארן, דאס לעצטע מאל וואס עס איז אריבער פולקאמע רענאוואציע געדענקט געוויס די ברייטע שטריכן אויף די לאקאלע ראודס וואס נאכן עס שפעקולירן און אדורכפירן די ען עי טעסטס שטעלט זיך ארויס אז דא אין בלומינגראוו האט פינקציאנירט א פולקאמע שאטעל סערוויס... וואס לאזט אן ספיקות קומען צום אויספיר איבער אידישע איינוואוינער דאהי מיט פילע יארן פריער. און אויב דער פאקט אליינס אז א שאטעל איז אנגעגאנגען פילע יארן צוריק ברענגט אייך נאכנישט צו דעם מסקנא, דאן געפינט מען אין די ארכיוון פון בלומינגראוו'ע באהערדע איבער א לאנג פארצויגענע געפעכט פון די לאקאלע באאמטע מיט די פארוואלטונג פון דעם איר-אלטן שאטעל וואס באשטעטיגט קליפ און קלאר אז דעם פורים איז נישט די דריטע געפראוועט דורך אידן דא אין אונזער שטעטל.

* * * *



ווארשיינליך געפינען עלטסטע בור הטבילה אינעם געגענט וואס איז נאך געגראבן געווארן מיט די אייגענע האנט, שטארקע מעגליכקייטן פון אידישע אנוסים וואס האבן דא פארברענגט אין פחד אין די בונקערס

פעסל אנגעפילט מיט וואסער, מערקט לייטער דערנעבן וואס געבט חומר פאר היסטאריקער צו פארבינדן דעם וואסער פעסל עס זאל האבן געדינט אלס מקוה טהרה פאר חסידי'שע משפחות וואס האבן געזאלט האבן געוואוינט דא שוין מיט יארן צוריק.



א אור אלטע מקוה אין מיסט קאסטן, לאנגע יארן בעפאר די קאראנעווייירוס עפאכע, - פארשער צייגן אן די ציגל העכער די קאסטן ווייזט אז מ'האט עס גענוצט פאר א מקוה, מיט המשכה ע"ג קרקע ווי די הלכה לויטעט.

מען האט פריער דערמאנט איבער דעם ביה"ח מעגליך איז דאס פון איבערבלייבענישן פון גדולי ליטא, וואס האבן נישט אזוי מקפיד געווען אויף הויעכע מחיצות און אוודאי נישט אין א ביה"ח, און אין פאקט האבן זיי איבערגעלאזט הערליכע ישיבות וואס בליען דא אינעם ישוב ביז היינט צוטאגס!

חסידי'שע אידן האבן זיכער אויך פארנומען שיינעם טייל פון אידישקייט ווען מען געפינט גאר היסטארישער בילד וואס צייגט א פעסל מיט לייטער דערנעבן וואס האט ווארשיינליך געדינט פאר א מקוה יעדן אינדערפרי פאר די חסידישע איינוואוינער אין דעם קווארטל כאטש וואס עפ"י חשבון נישטערנדיג אין די היסטארישע פנקסי הקהלה און דעמאלטסדיגע צייטונגען זענען חסידי'שע אידן דאן באשטאנען פון מערסטנס זיבן משפחות.

בכלל טראכט ארייין מיט א ניכטערן בליק 'א געגענט מיט העכער א מנין בתי מדרשים' לייגט זיך נישט אויפן שכל אז עס זאל האבן געפיסטעוועט אזויפיל בתי מדרשים ביז היינט, מוז מען בע"כ צוקומען צום מסקנא אז דא איז אנגעגאנגען א ווירבלדן אידישן לעבן אויף אלע באקן.

ארכילאגן האלטן אונמיטן די ארבעט ביים באטראכטן די מקוה יסודות ביים ביהמ"ד פויזנא וואס לויט אלע ווארשיינליכקייטן דער מהלך ווי אזוי עס איז געגראבן און לויט די סימנים פון עלטער ציהט דאס צום אויספיר אז דער מקוה איז שוין געגראבן געווארן און איז שוין אין באנוץ פאר לכה"פ צוויי הונדערט און פופציג יאר, דאס קען מען זיכער זען אויפן ערשטן בליק אז דער בור הטבילה איז נאך געגראבן געווארן מיט די אייגענע האנט, לאנג בעפאר מען האט אריינגקומען מאשינעריען ארויסצוהעלפן ביים גראבן מקוואות ווי מען טוט היינט צוטאגס, וואס אויב שטעלט זיך דאס אויס אלס ריכטיג וועט דאס זיין די סאמע עלטסטע מקוה באקאנט ביז היינט געטראפן דא אינעם געגענט פון איר רייכע אידישע היסטאריע.

פארהאן דא אפילו עטליכע בתי

מדרשים וואס איז טייל פון די היסטאריע פון דעם הערליכן אידישן קווארטל, פרעכטיגע בתי מדרשים וואס זענען געשטאנען צום דינסט און ווארשיינליך געווירבלט מיט מנינים אבער מיט די צייט איז פאר עפעס אומבאקאנטע סיבות די בתי מדרשים געווארן פארלאזט און פארגעסן, אויף וואס היסטאריקער פלאגן זיך נאך צו דערגיין דעם אורזאך וואס האט געפירט דערצו.

קוקענדיג אויף די וואסער מיט איר אלטע קאליר אויסזען כאטש וואס דאס האט גארנישט דייקא ספעציעל מיט אידישע אנוועזנהייט, דאך ווייזט אז דער געגענט און די אינפעסטרוקטור איז ווייט פון ניי, און מען קען פון דארט פיל ארויסלערנען אויפן רייכן עבר פון אונזער באקוועמע קווארטל.

* * * *

מען גיבט זיך א קוק אום אויף די היינטיגע בלומינגראוו, די ילדי השכונה ווערן דא אויפגעצויגן אויפן באדן וואו אידישקייט בליהט שוין הונדערטער יארן, זיי ווייסן נישט פון קיין זארגן, אוועקגעשטעלט מיט צענדליגער בתי מדרשים און מקוואות טהרה, דער געגענט איז אזוי פאר'אידיש'ט געווארן אז מיר פארמאגן שוין היינט אייגענע אפגעשפארטע בתי מדרשים...

פון די אנדערע זייט דער נפול תפול און די קלוגע עצה פון זרש שטעלט זיך ארויס מער און מער אלס ריכטיג און אט

זענען זיי זיך שוין אלס דרייוועדער פונעם שאטעל זעלבסט... מיט הויכהיליכער אויסרופן 'ככה יעשה לאיש', אויף אזויפיל פרובירט מען נאך שפארן

בזניונות ווילאנג עס איז נאך אין זייערע הענט כאטש אפצווריינגן די וואסער וואס מען וועט גיסן אויף זיי...


United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein
*Board Chairman*

Joel Stern
*Board Representative*

Robert S. Rosborough IV
*Board Counsel*

Joseph Weinberger
*Finance / Fundraising*

Abraham Weiss
Chaim Gluck
David Krausz
Hershel Lowy
Mordche Holtzer
Moshe Halpern
Shia Bitman
*Board members*

# מעלדונג
# לכבוד יו"ט פורים

לקראת די ימי הפורים האט די יו.זשעי.סי. אפגעהאלטן א מיטונג מיט די לאקאלע פאליציי און אנדערע אגענטורן ווי עס איז אויסגעשמועסט געווארן די פאלגענדע פרטים

## פארקינג

עס איז איבערגעגעבן געווארן א ליסטע פון אלע "שבת'דיגע" בתי מדרשים ווי עס וועלן ערלויבט ווערן פארקינג אויף די גאסן דורכאויס די נאכט און אינדערפרי שעות אזוי אויך די צווייטע נאכט ווי עס וועלן פארקומען משתה ושמחה לכבוד היום.

די פאליציי האט אויפגעפאדערט אז מען זאל זיך האלטן צו די אנווייזענונגען און פארקירן בלויז אויף איין זייט פון די ראוד אזוי ארום ערלויבן פאר די עמערדשענסי פערסאנאל אנצוקומען צו א הילפס רוף על כל צרה שלא תבא.

## טראפיק

אזוי אויך איז אויסגעשמועסט געווארן אז מען קען ערווארטן א גרעסערע אנוועזנהייט פון מענטשן און קארס ספעציעל דורך אויס די צוויי נעכט און מעגליכע טראפיק.

## הצלה אמבולאנס

צוליב די פורים טראפיק פארקערט האט מען אראנזירט אז עס זאל פארקירט א קרית יואל הצלה אמבולאנס אין בלומינגראוו, עס וועט זיין סטאנציאנירט ביים רט. 208 נעבן די באנק צו זיין גרייט צו רעאגירן אין פאל פון א הילפס רוף.

## סעקיוריטי

די יו.זשעי.סי. האט פארשפראכן פאר די פאליציי אז עס וועלן אריינגעברענגט ווערן פריוואטע סעקיוריטי דורכאויס די ימי הפורים צו פאטראלירן די געגענט און פארשידענע סעקיוריטי מאסנאמען, און עס פעלט זיך נישט אויס קיין ספעציעלע פאליציי אנוועזנהייט וד"ל

## מוזיק און גערודער

עס איז איינגעמאלדן געווארן אז עס איז ערווארטעט מוזיק און טענץ אין די גאסן דורכאויס די ימי הפורים און די פאליציי האט ערלויבט צו האבן מוזיק אויף די גאסן ביז 10:00 אויפדערנאכט אין די הייזער און בתי מדרשים וועט זיין ערלויבט ביז שפעט אין די נאכט שעות.

מיר בעטן זייער דעם ציבור זיך צו האלטן צו די אנווייזונגען ויתקדש שם שמים על ידינו

שמחת פורים ושמחת תמיד

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

מוה"ר **גדלי' אפעל** הי"ו
לרגל שמחת נישואי בנו למז"ט
הבה"ח קלונימוס אליעזר נ"י

מוה"ר **מרדכי לייב האלצער** הי"ו
מחשובי חברי ועד יו. זשעי. סי.
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **אשר זאב ניימאן** הי"ו
לרגל שמחת אירוסי בנו למז"ט
הבה"ח יעקב יושע למז"ט

מוה"ר **עמרם נתן פעלבלערבוים** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו אצל חתנו

מוה"ר **אהרן מענדלאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **מרדכי פעלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

יזכו לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת

---

בס"ד

## אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין!

מתוך רגשי שמחה והודאה להשי"ת המטהר את עמו ישראל אקרא למאהבי
תושבי השכונה ידידים ואוהבים, אחים ורעים, להשתתף ולשוש אתנו אצל

# קידושא רבא

לרגל שמחת השלמת המקוה המפוארה, ובשמו יקרא לו
## מקוה חיים זאנוויל
לע"נ כ"ק מרן הרה"ק מריבניץ זי"ע
שיתקיים בעזה"ה ברוב פאר והדר בצפרא דשבתא
## שב"ק פרשת תצוה-זכור הבעל"ט
## בביהמ"ד שערי תפילה ד'סאן אנטאניע
8 San Antonio Cir

בהאי שעתא נודה ונהלל להשי"ת על שזכינו לברך על המוגמר, לגמרה של מקוה נהדרה,
מקום טהרה אשר בעז"ה ישמש את כל בני השכונה מדי שבת בשבתו,
יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה!

בשם תושבי השכונה
## חיים גליק

---

# קהל דברי חיים צאנז זמיגראד

בזה הננו מודיעים אשר
## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
ישבות בעירינו בעז"ה
## בשב"ק פ' כי תשא-פרה הבעל"ט

---

אין ליכט פון די פריידיגע איסברייטערונג און עטאבלירונג פון דעם
**'עירוב המהודר' אויך דעם "לעיק שאור" אומגעגנט,**
נויטיגט זיך דער **"וועד העירוב" צו איפנעמען**

## נאך אַ "בודק"

**וועלכער זאל זיך באפאסן מיט דער מלאכת הקודש מדי שבוע**
**בשבוע, צו מזכה זיין תושבי השכונה מיט שמירת שבת כהלכתה.**

**פאראינטערעסירטע ביטע זיך מעלדן צום "וועד העירוב"**
**אדער צו הרב מאיר בערקאוויטש שליט"א, אב"ד קאריץ**
**347-803-6907**

---

Cong. Imrei Pinchas
20 Dallas Drive.
Monroe NY 10950

בית המדרש
אמרי פנחס קאריץ

בס"ד

## לך כנוס את כל היהודים
זמנים ליום טוב פורים הבעל"ט

מנחה ביום תענית אסתר.......................... 7:30
מעריב.................................................. 8:00
קריאת המגילה...................................... 8:10
שחרית ביום פורים.................................. 9:15
קריאת המגילה...................................... 10:00 בערך
מנחה ביום פורים.................................... 6:30

**ואח"כ סעודה גדולה משתה היין בשמחה עצומה לכבוד היום הגדול והנורא.**

**יתכנסו כל הקהל הקודש "אנשים נשים וטף" בשירה וזמרה בתופים ובמחולות!!!**

**סעודה גדולה ורחבה יהי' מוכן לכל הקהל!**

**כל הקהל מזומן לבא!!**

---

קהל דברי חיים
צאנז זמיגראד

### זמנים לימי הפורים

**שבת זכור**

קריאת זכור לנשים.......................................11:30

**תענית אסתר**

אמירת תהלים....................................... 5:30
מחצית השקל........................................ 7:15
מנחה.................................................. 7:25
מעריב................................................. 8:00
קריאת המגילה....................................... 8:10

העזרת נשים יהיה פתוח

**יום הפורים**

**7:00** תהלים בהיכל הביהמ"ד

**8:00** - הודו בהיכל התורה

**9:00** - הודו בהיכל הביהמ"ד — 9:30 קריאת המגילה, העזרת נשים יהיה פתוח, בעל קורא מו"ה שלמה יודא איידליס הי"ו

**10:00** - הודו בהיכל התורה — בעל קורא מו"ה חיים גליק הי"ו, הנחת טלית תפילין בחדר רבינו

**11:00** – הודו בהיכל הביהמ"ד — 11:30 קריאת המגילה, העזרת נשים יהיה פתוח, בעל קורא מו"ה צדוק היילברון הי"ו

**הגבאים**

---

והעיר בלומינגראוו צהלה ושמחה!!

ששון ושמחה ליהודים
# סעודת פורים
משתה היין
בתופים ובמחולות, ובקולי קולות
יתקיים אי"ה במקהלות היהודים, אשר בבלומינגראוו
סעודה רחבה גדולה
בכל מיני מטעמים בשעה 8:30
## בביהמ"ד קאזניץ
8 קינגסוויל דרייוו

הקהל הקודש מזומן
לשמוח בשמחת פורים,
יין ישמח לבב אנוש
בהידורים, שישו ושמחו
כל השיכורים!